Lodzer Tageblat № 38

Opłata pocztowa uiszcz. ryczałtem

פרייז 30 גראשען

לאָדזשער טאַגעבלאַט

היינט 12 זייטען

24-טער יאהרגאנג | 13 lutego 1931 r. | פרייטאָג, פ׳ משפטים, כ״ו שבט תרצ״א | רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 100-57, פון אַדמיניסטראַציע 100-47.

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין עלטער פון 70 יאָהר, מיין טייערער מאַן, אונזער ליבער פאָטער, שוויגערפאָטער, גרויספאָטער און אָנקעל

נ״ע

אברהם ב״ר יוסף הלוי ז״ל וואַרשאַווסקי

(גבאי דבית הכנסת דאַלטשטאָט וואָלבאָרסקאַ 20)

די לויה קומט פאָר היינט פרייטאָג, 11 אַ זייגער פאַרמיטאָג פון טרויער-הויז אַלעקסאַנדריסקאַ (מרדכי גבאי״ס גאַס 10 №) וועגען וואָס ס׳טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין עלטער פון 70 יאָהר אונזער לאַנג-יעהריגער פערוואַלטונגס-מיטגליד

נ״ע אברהם וואַרשאַווסקי

צו דער לויה, וואָס קומט פאָר היינט פרייטאָג, 11 אַ זייגער פאַרמיטאָג פון טרויער-הויז אַלעקסאַנדריסקאַ (מרדכי גבאי״ס) 10 № ווערען געבעטען אַלע מיטגלידער אָפּצוגעבען דעם פערשטאָרבענעם זיין לעצטען כבוד.

די פערוואַלטונג פון זאָדע-וואַסער-פאַבריקאַנטען-פערבאַנד אין לאָדז.

אונזער חשוב׳ן וויצע-פרעזעס ה׳ **חיים וואַרשאַווסקי** צולייב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכען פאָטער

נ״ע אברהם

דריקען מיר אויס דער שווער-געטראָפענער פ אַ מ י ל י ע דעם טיפסטען מיטגעפיהל.

די פערוואַלטונג פון פעראיין

„עזרת אחים" אין לאָדז.

צום 20-טען יאָהרצייט פון

נ״ע אהרן פייטעל וואלף

קומט פאָר היינט פרייטאָג, כ״ו שבט תרצ״א, פינקטליך 12.30 נאָכמ. א הזכרה אין דער שוהל „בקור חולים" (פל. וואָלנאָשטשי 10), צו וועלכער ס׳ווערען געבעטען די פאַמיליע, פריינד און בעקאַנטע.

די פאַמיליע.

דעם ה׳ **יצחק ברוינער** צוליב׳ן טויט פון זיין ליבער

מוטער

דריקט אויס מיטגעפיהל

„יודישע טעאַטער-סטודיע" פון „הזמיר".

טיף ערשיטערט צוליב׳ן טויט פון אונזער פריהצייטיג-פערשטאָרבענעם פערוואַלטונגס-מיטגליד און גרינדער

נ״ע אהרן ב״ר זלמן נ״י עפּשטיין

מיר דריקען דערמיט אויס אונזער שמערצפולען בייליד און מיטגעפיהל דער פאַמיליע. אין פערשטאָרבענעם האָבען מיר פערלוירען איינעם פון די איבערגעגעבענסטע און טיכטיגסטע מיטאַרבייטער.

זאָל איהם די ערד גרינג זיין.

די פערוואַלטונג פון „לינת אורחים" פּיעטריק. 59.

דעם ה׳ דירעקטאָר פון פירמע „קאַיטעפאָל" ה׳ **משה קופּפער** צוליב דעם טויט פון זיין אונפערגעסליכען ברודער

נ״ע זאב

דריקט אויס דעם אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל

י. רעדער

טראַנספּאָרטען מיט׳ן אייגענעם אויטאָ-טאַבאָר אויף דער ליניע לאָדז – וואַרשאַ

מיר נעמען אַליין אָפּ פון אויפגעבער און שטעלען צו דירעקט צום אָפּנעמער יעדע זענדונג, נישט אָפּהענגיג פון דער צאָהל אָדער וואָג. די אויטאָמאָבילען שיקען מיר אַרויס צוויי מאָל טעגליך. די לאַדונגען זענען אַסעקורירט. פולשטענדיגע גאַראַנטיע פאַר דער וואָג און גאַנצקייט פון די אונז אָנפערטרויטע סחורות שנעל בעקוועמע און ביליגע צושטעלונג.

לאָדז, יוליושאַ 1, טעל. 206-90

לוין-צווירנעריי

איך נעם אָן צו צווירנען אַלע אַרט עפעקט-גאַרנע, שפּיראַל, קנויטען, שלינגען א. אַ. וו. רעיעלע בעדינונג. ערשטקלאַסיגע אויספערטיגונג.

וואָלף שפּיגעל, זאַכאָדניאַ 59.

Dr. med. M. Heller

צוריקגעקעהרט

פעציאַליסט פאַר הויט- און זשענערישע קראנקע און מענער-שוואַכע

נאַווראָט 2, טעל. 179-89

נעמט אָן ביז 10 פריה, און פון 4—8 אָוונט פאַר פרויען פון 4—5 נאָכמ.

אונבעמיטעלטע — לעט ניצע פרייזען.

פרל. **רחל קרוי** צו איהר פער־לאָבונג מיט ה׳ **מרדכי לייזעראוויטש**

די הארציגסטע ברכות

י. אָבערזשאַנעק און פרוי

אחולים לבביים לחברי הנכבדים

מרת **רחל קרוי** לארושי׳ עם בן-גילת מר **מרדכי לייזרוביץ**

יזכו לראות בהגשמת שאיפותינו

פנחס לובינסקי

p. **Racheli Krojówny** z p. **M. Lajzerowiczem**

z intencji Ich zaręczyn serdecznie gratulują

Izakostwo Jankielewicz

צו דער פערלאָבונג פון פרל.

רחל קרוי מיט ה׳ **מרדכי לייזעראוויטש**

גראַטולירען הערצליך

ל. הילער און פרוי

אונזער געשעצטען פרעזעס פון רעסטאָראַטאָרען און ביער-האַלעס-בעזיצער-פעראיין אין לאָדז ה׳

יוסף קארא און פרוי

צו דער חתונה פון זיין ליבע טאָכטער

רבקה מיט ה׳ **נפתלי ראַבינאָוויטש**

ווינשען מיר אַ האַרציגען מזל-טוב. דעם יונגען פּאָר – אַגליקליך און צופרידען צוזאַמענלעבען

יעקב רייכמאַן
בצלאל סלופּסקי
מאָריץ קאַראָ

אונזער ליבען ברודער און שוועגערין

מרדכי שוואַרץ און פרוי אָדעל

(אין-עלבערפעלד, דייטשלאַנד) צום געבורט פון

אַ זוהנעלע ווינשט אַ האַרציגען מזל-טוב און אַ ל יי כ ט ע ערציהונג

מ. שוואַרץ און פאַמיליע

אונזער ג׳ פריינד ה׳ **ברוך פּושעדבאָרסקי** און פרוי **זאשא** צום געבורט פון אַ **טעכטערל** ווינשען אַ גרינגע ערציהונג זאָל זיי דאָס קינד האָבען געברענגט פיל גליק און אַלדאָס גוטס

חיים לעווקאָוויטש און פרוי
יהושע ליבראַווסקי און פרוי
אהרן קרישטאַל

Bank Spółdzielczy Kupców i Przemysłowców w ŁODZI

Spółdz. z ogr. odpow. — Tel. 136.46 i 188.34

39 צעגעלניאַנאַ 39

פראָנט 1-טער שטאָק | פראָנט 1-טער שטאָק

נעמט אָן וועקסלען, פראַכטען און פערשידענע דאָקומענטען אויף אינקאַסע אויף אַלע פלעצער אין גאַנץ פוילען ביי אַ מינימאַלער פּראָוויזיע און צאָהלט אויס דעם זעלבען טאָג, ווייזט איבער געלד אויף גאַנץ פוילען, נעמט אָן וואקלאַדען איינלאַגען, נדן-געלדער, קלענערע אָפּשפּאָרונגען אויף די בעסטע בעדינגונגען. מאַכט דיסקאָנטאָ און גיט אַרויס אוואַנסען אויף אינקאַסאָ.

ערלעדיגט אַלץ פּינקטליך און רעיעל.

די באַנק איז אָפען פון 9 ביז 2 מיטאָג.

ווינער אָרטאָפּעדישע פּראַצאָוניע

—אונטער אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר ספּעציאַליסט — מאַכט לויט גיפּס-מאָדעלען וועקלאַדקעס נעגען פלאַט-פיס קינסטליכע פיס, אָרטאָפּעדישע גאָרסעטען און אַפּאַראַטען א. ז. וו. גדאַנסקאַ 28 וו. 1, פון 5–7 אָוונד

Dr. med. Z. DATYNER

אוראָלאָג

ספּעציאַליסט פאַר נירען-בלאָז און אורין-קראַנקהייטען

Piramowicza 2, tel. 148-95

נעמט אָן פון 9 ביז 10 פריה און 6—8 אָוונד.

Dr. Ludwik Falk

נאַווראָט 7, טעל. 128-07

הויט- און געשלעכטס-קראַנקהייטען

נעמט אָן פון 10—12 און פון 5—7 אָוונד.

קאָמוניקאַט.

מיר שיקען אַרויס אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער אונזער

עקספּאָרט

וואורשט און געריוכערטע פליישען, ווי אויך גענזען-שמאַלץ אין ספּעציעלע בלעכענע שאַכטעל אָנפאַנגענדיג פון 45 דעקאַגראַם, אויך

נאָך דייטשלאַנד און רוסלאַנד

פאַר די שטודירענדע יוגענד שיקען מיר אַרויס אַלס (ECHANTILLON SANS VALEUR) מוסטער אָהן ווערט.

זעמטליכע בעשטעלונגען נעמט אָן אונזער עקספּעדיציע-ביוראָ, פּיעטריקאָווער 8, (פּאַרטער) טעל. 127-68 און 193-30.

מיט אַכטונג

רויכער-פלייש-געשעפטען

ס. דישקין

אַקציען געזעלשאַפט אין לאָדז.

וויכטיג פאַר די לעדער-בראַנזשע

מיר מאַכען בעקאַנט די ג׳ קונדשאַפט, דאָס פון 1-טען לוטי ד. י. האָבען מיר בעקומען דעם

אַליינפערקויף פון פערשידענע פוטער-לעדער

ווי אויך אַלע סאָרטען פאַרביגע באַראַנעס פון דער טשענסטאָכאָווער פאַבריק

Societe Anonyme de l'industrie Textile a Częstochowa

די ג׳ קונדשאַפט ווערט געבעטען אונז צו בעזוכען.

„Warszawska Składnica Skór"

w Łodzi, ul. Nowomiejska 8, tel. 222-45.

אונטערהאנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג

וועלען מעהר נישט בענייט ווערען

גרויסער שטורם געגען מאקדאנאלד'ס ערקלערונג אין די ציוניסטישע קרייזען

גרויסע שטורעם געגען מאקדאנאלד'ס ערקלערונג אין די ציוניסטישע קרייזען

לאנדאן, 12. (יט"א)

יט"א דערוויסט זיך, אז די ערקלערונג, וואס מאקדאנאלד האט געשטעלט געגעבען אין פארלאמענט וועט שבת אדער מאנטאג איבערגעשיקט ווערען אין א בריף צו ד"ר ווייצמאן.

די ערקלערונג האט ארויסגערופען א גרויסען שטורם אין די ציוניסטישע קרייזען.

די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האט צונויפגערופען א ספעציעלע זיצונג און עס איז אנגענומען געווארען א באשלוס נישט צו פיהרען דעם צווייטען טייל פון די אונטערהאנדלונגען. דער באשלוס איז מיטגעטיילט געווארען דער רעגירונג. די רעגירונג האט צוגעשיקט אן'ענטפער, אז נאך הייגט וועט מאקדאנאלד ארויסטרעטען מיט א נייער ערקלערונג אין פארלאמענט.

לאנדאן, 12. (יט"א)

מאקדאנאלד האט היינט אפגעגעבען אן'ערקלערונג אין פארלאמענט, אז דער בריף, וואס ער שיקט ארויס צו ד"ר ווייצמאן וועט ער גלייכצייטיג אויך ארויסשיקען צום פעלקערבונד, און אלס אינסטרוקציע פאר דער ארץ ישראל-פאליטיק.

דער דאזיגער בעריכט איז נישט קיין ענדערונג פון דער ענגלישער פאליטיק אין א"י.

ביכער פון איטאליענישען קרוינ-מיניסטער פאר דער העברעאישער אוניווערזיטעט-ביבליאטעק

רוים, (יט"א) דאס איטאליענישע קרוינס-מיניסטעריום האט צוגעשיקט דעם רוימער קאמיטעט פאר דער העברעאישער אוניווערזיטעט ביבליאטעק אין ירושלים א רייה אפהאנדלונגען און פובליקאציעס, הויפטזעכליך וועגען דער געשיכטע פון איטאליענישען קרוינס-וועזען.

אינטערוועניץ אין פעלקער-בונד וועגען דער ליטווישער גזרה געגען נישט-ליטווישע בירגער.

ג ע נ ף, י(ט"א) היינטיגען דינסטאג האט ה' אבערסאן, אין נאמען פון „עמיג דירעקט" און ראט פון יודישע מינדערהייטען, איבערגעגעבען און פעלקער-סעקרעטאריאט אן'אינטערוועניץ וועגען דער ליטווישער שטאטס-לאזע-גזרה, וועלכע בעדראהט די עקזיסטענץ פון טויזענדע יודישע משפחות אין ליטע.

אונלעגאל אריינגעקומענע אראבער ווערען דעפארטירט פון א"י

ירושלים, (יט"א)

דער ארגאן פון דער אראבישער עקזעקוטיווע „פעלעסטינען" מעלדעט מיט, אז אנ'ערך 100 אראבער, וואס זיינען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל אומלעגאל, זיינען דורך דער מאכט ארויסגעשיקט געווארען פון לאנד. אויף דער אנפראגע פון יט"א ביי א רעגירונגס-מיטגליד און אי-מיגראציע-פראגען מיטגעטיילט פון דער א"י-אדמיניסטראציע האט דער לעצטער ערקלערט, אז די א"י-מאכט וועט שטענדיג דעפארטירען פון לאנד אלע פערזאנען, וואס וועלען זיך געפינען אין א"י, נישט האבענדיג קיין געהעריגע איינרייזע ערלויבנישען. וואס שייך דע ראנפארמאציע פון „פעלעסטינען" האט דער זעלבער בעאמטער ערקלערט, דאס עס איז איבערטריבען, אז די צאהל אראבער, וואס זיינען די לעצטע צייט דעפארטירט געווארען, זאל האבען דערגרייכט ביז הונדערט.

קליינע ידיעות פון ארץ-ישראל

ירושלים, (יט"א)

די אראבישע פרעסע טיילט מיט, אז אויף דעם 1-טען אפריל ה. י. זאלען בעשטימט ווערען די וואהלען צו דעם אנגעקינדיגטען לעגיסלאטיוו-ראט אין א"י פון אנדערע קוועלען ווערט אבער די ידיעה נישט בעשטעטיגט.

• • •

ירושלים, (יט"א)

דער אוסלאמישער וועלט-קאנגרעס, וואס האט לכתחילה געזאלט פארקומען אין לאנדאן און איז שפעטער אפגעלעגט געווארען כדי אפנעהאלטען צו ווערען אין קאירא, איז איצט ווידער אפגעלעגט געווארען אויף אנ'אונבעשטימטע צייט. ווי מען ערקלערט, זאל עס האבען געשעהן צוליב'ן טויט פון מאראכעד-אלי.

• • •

ירושלים, (יט"א)

אין משך פון יאנואר ה.י. האט די געזעלשאפט „פרדס" עקספארטירט קיין אינלאנד 175 טויזענד קעסטלעך אראנזשען. דאס רוב דורך פריעסט און האמבורג, און די לענדער פון צענטראל-אייראפא.

פרויען-וואהל-רעכט אין בודא-פעשטער קהלה

בודאפעשט, (יט"א)

דער בודאפעשטער קהלה-ראט האט אנגענומען דעם נייעם קהלה-סטאטוט, וועלכער פיהרט איין צום ערשטען מאל אין פאסיווע וואהל-רעכט פון פרויען צו די קהלה-ארגאנען.

געעפענט די „אספת הנבחרים" אין ירושלים

ירושלים, 12. פעברואר (יט"א)

היינט האט זיך געעפענט די סעסיע פון דער ניי-אויסגעוועהלטער אספת הנבחרים. אלס פארזיצענדער און אויס-געוועהלט געווארען בן גוריון, דער פיה-רער פון די „הסתדרות העובדים" עס זיינען אנגענומען א רייה בעגריסונגען. עס איז כאראקטעריסטיש, וואס די א"י-רעגירונג האט נישט צוגעשיקט נישט קיין פערזענליכע און נישט קיין שריפט-ליכע בעגריסונג.

די ערשטע זיצונג האט גענומען א רו-היגען פערלויף. די רעוויזיאניסטען האבען פארגעלעגט א דעקלאראציע, אז זיי מאכען אפהענגיג זייער אנטייל אין דער אספת הנבחרים און אינ'ם ועד הלאומי פון דער שטעלונג, וואס עס וועט ווערען אנגענומען בנוגע די אונטער-האנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגי-רונג, בנוגע דעם לעגיסלאטיווען ראט און דעם סימפסאן-בעריכט. ביז די פראגע וועלען נישט אויפגעקלערט ווערען, וועלען זיי זיך נישט בעטייליגען אין פרעזידיום.

ירושלים, 12. פעברואר (יט"א)

אויף דער צווייטער זיצונג פון דער אספת הנבחרים האט זיך אנטוויקעלט א לענגערע פאליטישע דעבאטע צווישען די רעוויזיאניסטען און די מיטגלידער פון דער „הסתדרות העובדים".

די הסתדרות האט זיך ארויסגעזאגט פאר די ווייטערדיגע אונטערהאנדלונגען פון דער „אגענץ" מיט דער ענגלישער רעגירונג אבער געגען לעגיסלאטיווען ראט. די רעוויזיאניסטען האבען געוואלט אויפרייסען די זיצונג צוליב דער פאזי-טיווער שטעלונג פון דער מערהייט צו די אונטערהאנדלונגען.

עס איז אויך געפיהרט געווארען א לאנגע, לייַדענשאפטליכע דעבאטע ארום די קאמפעטענצען פון ועד הלאומי. דער מזרחי פאדערט, אז דער ועד הלאומי זאל זיך פערנעמען מיט דער פראגע פון שמירת הדת. די ארבייטער פארשטע-הער זאגען זיך ארויס געגען. די רעוויזי-זיאניסטען האבען פארגעלייגט א מיטעל-שטאנדפונקט.

יונגע יוד. פרוי גיט א קאפיע א יוד, א טאטע פון קינדער און דערהרגעט איהם אויפ'ן ארט

אויסטערלישע רציחה אויף בזשעזשינער גאס

(—) אויף בזשעזשינער גאס האט נעכטען פאסירט אנ'אויסטערלישער טויט-פאל פון א יוד.

אברהם מענדעל גאלדבערג, א קאלא-ניאל-סוחר פון בזשעזשינער 60, האט א זוהן דינגען ביים מילימער. זיינער א שכן, משה קאפלעוויטש, א דימער פון בזשע-זשינער 64, האט אויך א זוהן ביים מי-לימער, ביידע יונגע לייט דינגען און זיינען שטאט. מיט א צייט צוריק איז קאפע-לאוויטש'ם זוהן געקומען קיין לאדז אויף אורלויב. בעת זיין צוריקרייזע איז פולק אריין, האט גאלדבערג קאפלעוויטש'ם זוהן, דעם וועלכער מיטגעגעבען א פעק-קעל פאר זיין זוהן. גאלדבערג האט זיך אבער דערוואוסט, אז דאס פעקעל האט זיין זוהן נישט דערהאלטען. צוליב דעם האט ער קאפלעוויטש'ן פערקלאגט אין געריכט. היינט האט געזאלט פאר-קומען דער פראצעס.

נעכטען איז צו גאלדבערג'ן אין גע-וועלב אריינגעקומען קאפלאוויטש'ם טאכטער, גאלדע, און זיך גענומען קרי-גען. פון א ווארט צו א ווארט האט גאל-דע א קאפיע געמען גאלדבערג'ן און בויך אריין מיט אזא רציחה, אז ביי איהם זיינען דורכגעלעכערט געווארען די קישקעס.

די ארויסגערופענע פאגאטאוויע האט דעם אומגליקליכען גאלדבערג'ן אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין פאזנאנסקי'ם שפיטאל, וואו ער איז מיט א פאר שעה שפעטער אין גרויסע יסורים געשטארבען.

די מערדערין איז בעת דער מהומה געלונגען צו אנטלויפען, שפעטער האט מען זי אבער געכאפט.

דער אויפגערעגטער המון האט די ברוטאלע מערדערין געוואלט לינטשען, און א דאנק דער פאליציי איז געלונגען זי אפצופיהרען אין קאמיסאריאט.

דער פערשטארבענער איז אלט געווען 50 יאהר.

דער אויסטערלישער מארד פון א יוד דורך מעדעל האט ארויסגערופען א שטארקע אויפרעגונג.

• • •

אונזער רעפארטער מעלדעט נאך וועגען דעם פאלגענדע פרטים:

קאפלעוויטש איז בעקאנט געווארען פון מילימער און איז אהיימגעקומען קיין לאדז. דער פאטער אברהם משה גאלדבערג איז אוועק צו קאפלעוויטש'ם און געפאדערט, אז דער יונגערמאן זאל צוריקגעבען דעם ווערט פון פעקעל. דער יונגערמאן האט זיך פערטיידיגט, אז דאס פעקעל האט ער זיך נישט צוגענו-מען, נאר עס איז קאליע געווארען און האט עס אוועקגעווארפען. קאפלעוויטש'ם פאטער איז בעליידיגט געווארען, הלמאי זיין זוהן ווערט בעשולדיגט אין גנבה, און ער האט געפאטשט אברהם גאלד-בערג'ן, וועלכען ער האט דערנאך ארויס געווארפען.

מלא-חימה פון דער מיאוס'ער האנד-לונג, האט גאלדבערג אנגעקלאגט און געריכט קאפלעוויטש'ן דעם פאטער פאר שלאגען איהם און דעם זוהן קאפלע-וויטש'ם פאר גנבה.

די פראצעסען האבען געזאלט פארקו-מען נעכטען.

א טאג פאר די פראצעסען איז אין גאלדבערג'ס געוועלב אריינגעקומען קאפ-לעוויטש'ם פערהייראטע טאכטער, גאלדע רובינשטיין, צו קויפען 5 דעקא פוטער. בעת-מעשה איז צווישען איהר און גאלד-בערג'ן געקומען צו א מחלוקה צוליב'ן פארשטעהענדען פראצעס געגען איהר פאטער און ברודער.

מורא-האבענדיג, אז גאלדבערג זאל נישט געבען קיין בעלאסטענדע ערקלערונ-גען געגען איהר פאטער און ברודער, האט זי איהם געדראהט מיט'ן טויט.

גאלדבערג איז אנ'איבערגעשראקענער ארויסגעלאפען אויף דער גאס רופען פאליציי. גאלדע האט איהם געשטערט ארויסצולויפען, האט געכאפט א שופלע, וואס איז געלעגען אויף דער ערד און מיט דער שופלע איהם דערלאנגט עטליכע פעסטע קלעפ איבער'ן קאפ. גאלד-בערג האט זיך אפגעגאסען מיט בלוט.

די פרוי האט זיך נאך נישט בערוהיגט דערמיט, און האט נאך א קאפיע געטאן דעם פערוואונדעטען יוד.

אז דער אלטער גאלדבערג האט זיך שוין מעהר נישט גערוהרט, ס'האט אויס געזעהן, אז ער איז טויט, איז גאלדע רובינשטיין ארויס פון געוועלב.

אין א פאר מינוט ארום איז אין גע-וועלב אריינגעקומען גאלדבערג'ס פרוי, וועלכע האט ארויסגערופען פאגאטאוויע. גאלדבערג איז אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל אריין און איז באלד געשטארבען. פאר'ן טויט האט ער נאך בעוויזען אפ-צוגעבען ערקלערונגען יענען אנבאל.

אויפ'ן גרונד פון זיינע ערקלערונגען איז די מערדערין גאלדע רובינשטיין ארעסטירט געווארען און איהר וואוינונג אויף בזשעזשינער 64.

אונזער חשוב'ען פריינד ה'
יוסף קארא און פרוי
צו דער חתונה פון זייער טאכטער
רבקה מיט ה' נפתלי ראבינאוויטש
גראטולירען מיר הערצליך. דעם יונגען פאר — א גליקליכע צוקונפט.
די פערוואלטונג פון רעסטאראציע
און ביער האלעס-בעזיצער-פעראיין אין לאדז

קלאנג-פילם-טעאטער
CASINO
אונווידעררופליך לעצטע 2 טעג! גרויסער אטראקציע-פילם, פול מיט
ווערוויע און הומאר א. ג.
די אינזעל פון דערטרונקענע הערצער
די צויבערנדע קלאנג עקראן-ערשיינונג די אונפערגעסליכע פארטנערין
פון Chevalier פאפולער-סטע וועלט-פילם-שטערען Jeanette Mac Donald אין דער סביבה
פון עלעגאנטען Jamesa Hall אין דעם סימפאטישען Jacka Oakie
אויסערן-פראגראם: קלאנג-צוגאבען און לאנד-אקטואליטעטען
אנהויב פון די סעאנסען 4.30, 6, 8 און 10 אווענד —
שבת און זונטאג פריהמארגענס פון 12 א זייגער צו 1 זל.

DYREKCJA
Łódzkiego Towarzystwa Elektrycznego, Sp. Akc.,
(Elektrownia Łódzka)
zawiadamia Pp, Odbiorców prądu, że stosownie do §§ 75, 80, 81, 82 i 96 uprawnienia rządowego Nr. 12, ceny prądu, obowiązujące Pp. Odbiorców na miesiąc styczeń 1931 roku, obliczone na dzień 7 lutego roku bieżącego, wynoszą za jedną kilowatogodzinę:
dla światła 95,22 gr.
dla siły 35,27 gr.
z opustami, przewidzianemi w uprawnieniu rządowem.
W zależności od terminów zapłaty, oraz na zasadzie poszczególnych umów, udzielone będą opusty dodatkowe.

Dr. med. J. LUBICZ
צוריק געקעהרט
Chirurg-Orteped
ספעציאליסט פון ביינער- און געלענקע-קראנקהייטען
פערקרימונגען פון פלייצעס און גלידער,
ווי אויך פון גלידער שווינדזוכט.
נראנסקא 28, — טעל. 183-17
נעמט אן פון 2 ביז 4.30 נאכמיטאג.

Dr. med. J. BETTE
ספעציאל-ארצט פאר קינדער און אינערליכע קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
Piotrkowska 6, tel. 144-95
נעמט אן פון 8 ביז 11 פריה און פון 4—6 נאכמ.

Dr. Med. E. Reicher
ספעציאל ארצט
פאר הויט האר און ווענערישע קראנקהייטען
דיאטערמיע-בעהאנדלונג און עלעקטרא-טעראפיע
פאלודניאווא 28 טעל. 201-93. נעמט אן פון 8—11
פריה און 5—9 אווענד. ...
פאר אינטעליגענטע לעבענס פרייזען

Dr. med.
I. Wajnberg
Cegielniana 17, tel. 126-02
אינערליכע קראנקהייטען
ספעציאליסט פאר לונגען און הארץ-קראנקהייטען
בעשטראהלונגען און קינסטליכע בערג-זון.
נעהמט אן אין דערהיים פון 3—5.

Dr. A. Mazur
וואסקאדניא 67, — טעל. 166-01
נעמט אן פון 10 — 1.30 און פון 4 — 6 אווענד

Dr. L. PIKIELNY
UROLOG
ספעציאל-ארצט פאר נירען, בלאז, אורין-קראנקהייטען
Nawrot 8. telefon 219-90
נעמט אן פון 4—7 אווענד

Lr. med. H. Różaner
ספעציאליסט פון הויט- און ווענערישע קראנקהייטען
און קינדערלאזיקייט
צוריקגעקערט
נארוטאוויטשא 9, טעל. 128-68
נעהמט אן פון 8—10; 5—8 אווענד
א ספעציעלער ווארטע-זאל פאר פרויען.

Lekarz dentysta
S. BERGMANOWA
Gdańska 68, tel. 155-06
נעמט אן פון 2—8 אווענד.

Dr. Niewiażski
צוריקגעקעהרט
ספעציאליסט
פאר סיפיליס, טריפער און מענער-שוואכע
בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען
און עלעקטרא-טעראפיע אנאליזען.
פאר דאמען ספעציעלער ווארטע-זאל.
אנדזשעיא 5 טעל. 159-40
נעמט אן פון 8 ביז 11 פריה, און פון 5—9 אוו.
זונטאג פון 9 ביז 1 א זייגער נאכמיטאג.

Dr. Wołkowyski
האט זיך איבערגעצויגען אויף
צעגיעלניאנא 36
טעלעפאן 216-90
ספעציאל-ארצט פאר הויט וועגערישע קראנק-הייטען און מענער-שוואכע. עלע-ארט אנאליזע בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראלען.
נעמט אן פון 9—2, און פון 5—9 אוונט,
בעזונדער ווארטע-זאל פאר פרויען.

סענסאציאנעלער דועל אין ווארשא

צווישען יודישען ראטמאן עלענבערג און וויצע-שטאט-פרעזידענט

ווארשא, (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). די טעג איז פארגעקומען א שארפער אינצידענט צווישען ציוניסטישען ראטמאן עלענבערג און וויצע פרעזידענט פון דער שטאט ווארשא שפאטאנסקי אויף דער זיצונג פון דער בודזשעט-קאמיסיע פון ווארשאווער שטאט-ראט, ווען עס איז באטראכט געווארען דער בודזשעט פון די שטאטישע בעקערייען, האט ראטמאן עלענבערג שארף קריטיקירט די טעטיגקייט פון די ראזינע בעקערייען אנווייזענדיג אויף

די אונארדענונג וואס הערשט אין זיי. צווישען וויצע פרעזידענט און ראטמ. עלענבערג איז דערביי געקומען צו א שארפען ווארט-אויסטויש.

דיענט האט שפאטאנסקי ארויסגערופען עלענבערג'ן אויף א דועל צושיקענדיג צו איהם אלס סעקונדאנטען ביראס-טעק'ן און לובנאוויטש'ן.

ראטמאן עלענבערג האט דעם דועל אנגענומען. ארויסשטעלענדיג פון זיין זייט אלס סעקונדאנטען געוועזע. סענאט. קערנער און אדוואק. ראזענבערג.

א קינד אינגאנצען בעדעקט מיט האר
איז געבוירען געווארען אין לאדז

(—) אויף נעווער'ס מארק האט געלעגט ארויסגערופען א סענסאציע אן אויסטערלישער פאל.

אויף נראבאווא 13 איז ביי א קריסט-ליכער ארבייטער-פאמיליע געבוירען א קינד, אינגאנצען בעדעקט מיט געדיכטע שווארצע האר. דאס פנים'על, די אויערן, אויגען, נעזל, העלזל איז אין דער העלפט בעדעקט מיט א האר.

דאס אויסטערלישע קינד ווערט געגע-מען אונטער אבסערוואציע פון דאקטוי-רים-ספעציאליסטען און א לאדזער וועכ-נערין-קליניק.

וועט קומען צו א לויז-רעדוקציע איז דער אינדוסטריע?

(§) אין שבכות מיט'ן פלאן צו רע-דוצירען די לוינען אין דער לאדזער טעקסטיל-אינדוסטריע דערוויסען מיר זיך, אז די פראגע וועט דעצידירט ווע-רען אויף א קאנפערענץ פון די לאדזער אינדוסטריעלער מיט'ן „לויטן" אין ווער-שא דעם 16 ד. ח.

עניו-צערבע פאר'ן קאסאציע-געריכט

(§) דער נעווע. רעפוטאט צערבע פון לאדז איז, ווי עס וואוסט, פער'משפט געווארען אויף א האלב יאהר תפיסה פאר בעזיידיגען פון שטאט-ראט-זאל נעהמען-אנגייטען, ווען זיי זענען געקומען אויף א צוזאמענפאהר פון דער דייטשער ארבייטס-פארטיי. דאס אפעלאציע-געריכט האט דעם אורטייל בעשטעטיגט. אויצט קלאגט אן געוו. דעפ. צערבע דעם אורטייל אין קאסאציע-געריכט.

אבלאווע איבער קנייפעם

(§) אין דער פארלעצטער נאכט זע-נען פארגעקומען אבלאוועס אין א רייה פערדעכטיגע קנייפעס. ס'זענען ארעס-טירט געווארען 16 פערזאן, וועלכע האבען זיך נישט געקענט אויסלעגיטימירען. צווישען די פערהאלטענע זענען דא 3 „פיינגעלעך", וואס ווערען געזוכט דורך דער פאליציי פאר גנבות און שווינדלע-רייען.

אפהאלאנגען פון דער וואהל-אוואנטורע אין קאזשינע
די שולדיגע פער'משפט צו תפיסה

אין לאדזער שטאטישען געריכט איז געלטען פארגעקומען דער פראצעס גע-גען די פערזאנען, וועלכע האבען גענג-מען אנ'אקטיווען אנטייל אין דעם אנ-פאל אין קאזשינע, הינטער לאדז, בעת די סיים-וואהלען. א גרופע סאנאטאר'ישע אגיטאטארען זענען דאן באפאלען דעם לאקאל פון פ.פ.ס. און דארט אלץ רעז-מאלירט.

די אנגעקלאגטע זענען פער'משפט גע-ווארען צו 4 ביז 10 חדשים תפיסה. דער פאר-ארעסט ווערט זיי צוגערעכענט.

דעזערטער און טאשען-ציהער
ווערט גע'משפט דורכ'ן מיליטער-געריכט

(§) דער 31-יעהריגער יהודה פערשל-שטיין איז נעכטען געווען אנגעקלאגט דורכ'ן מיליטערישען געריכט פאר דע-זערציע און טאשען גנבות.

ער איז פער'משפט געווארען אויף 37 חדשים תפיסה.

באל לטובת יודישע יתומים

אונטער דעם נאמען וועט היינטיגען שבת-צונאכטס פארקומען אין פילהאר-מאניע א גרויסער באל לטובת דעם יו-דישען יתומים-הויז אויף פולנאצנא 38, און דעם סאנאטאריום „ראזאלינא". פאר די בעזוכער וועט דער באל געווים פערוואנדעלט ווערען אין א נאכט פון זארגלאזיגקייט און פרייד אהן א שיעור.

היינט עקספאזע פון פרעמיער סלאוועק אין סיים

רעדע פון מיניסטער זאלעסקי וועגען דער גרעניץ-פראגע

עקספאזע פון פרעמיער סלאוועק

ווארשא, (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). אויף דער מארגענדי-גער סיים-זיצונג וועט פרעמיער סלאוועק האלטען א עקספאזע וועגען ווירטשאפט-ליכע ענינים. דער פרעמיער וועט אין זיין עקספאזע קיין שום פאליטישע פרא-גע נישט בעהאנדלען, נאר וועל ארומ-רעדען די פלענער פון דער רעגירונג אויף'ן ווירטשאפטליכען געביט.

פליטע, שקארפעטען, מלבושים, פוך, און וועשעל
פון דער סעריע: גנבות אין לאדז

פון דער קאבינע אין קינא „ספינקס" (זשגאווסקא 74) האבען גנבים ארוים-גע'גנב'עט 50-גראמאפאן-פליטעס, א האריא-„גלאשניק" און טיילען פון א פאטעפאן.

פון עוזא רייס'עס געוועלב (פולנאצנא 4) האט מען ארויסגע'גנב'עט עטליכע טוץ שקארפעטען און 2 זעק פוך פאר 1000 זל.

פון הערש מוטלער'ס דירה (פאר-זשעטשנא 20) זענען ארויסגע'גנב'עט געווארען מלבושים און ווערט פון 1000 זל. און וועשעלען אויף 500 זל.

מיניסטער זאלעסקי'ס רעדע
וועגען די פוילישע גרעניצען

ווארשא, (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). די קאמיסיע פאר אויסערן-ענינים ביים סענאט האט היינט פארגעזעצט די דיסקוסיע איבער דער עקספאזע פון אויסערן מיניסטער זאלעס-קי. נאך דער דיסקוסיע האט גענומען א ווארט מיניסטער זאלעסקי. קודם כל בעט ווער מיניסטער צו בעמערקען דעם אנדענק פון פערשטארבענעם סענאט. בויזשער, ראן ענטפערט ער, אויף די געשטעלטע פראגען.

די רעגירונג שטרעבט צו דער מאק-סימאלסטער סטאביליזירונג פון די בע-ציהונגען מיט די שכנים, וואס עס בעווייזען די פאליטישע געשפרעכען וועגען נאגראנציש-פאקט, וואס ווערען געפיהרט שוין זייט א לענגערע צייט. די פוילישע רעגירונג איז גרייט אפילו צו פערברייטערן דעם אזוי גערופענעם ליטווינאוו פאקט.

אויב עס געהט וועגען א רעוויזיע פון די פוילישע גרעניצען, ערקלערט דער מיניסטער עקזיסטירט פאר נישט אזא פראגע. די פוילישע רעגירונג וועט קיינ-מאל וועגען דעם קיין דיסקוסיע נישט פיהרען.

קיין קינדיגונג פון אפמאך

(§) דער פערבאנד פון דער גרויס-אינדוסטריע לייקענט אפ די ידיעה, אז דער קאלעקטיווער אפמאך מיט די ארבייטער זאל געקינדיגט ווערען. די פרא-גע איז נאך נישט בערוהרט געווארען.

„טאז" שוין צוגעטרעטען צו ארגאניזירען די זומער-קאלאניעס

אין לאקאל פון „טאז" איז פארגע-קומען א קאנפערענץ פון די לעהרער'ס און לעהרער'ס אין די יודישע פאלקסשולע-נע שולען און פון די פאלקס-שולען און תלמוד-תורות, וועלכע געפינען זיך אונ-טער דער שול-מעדיצינישער השגחה פון „טאז", ווי אויך די שול-אפיקונגעס פון די דערמאנטע שולען.

אונזש. ש. לעבענהאפט בעגריסט די אנוועזענדע און לייענט איבער א בע-ריכט וועגען דער פאר-א-יאהריגער זומער-קאלאניעס-אקציע. דאן האט ער אויך גערעדט די פראגע וועגען ארגאניזירען היי-יאהר די זומער-קאלאניעס, אנווייזענדיג אויף די אנגעהויבענע פינאנציעלע שוועריגקייטען.

ד"ר שוואלבע דערגענצט דעם בע-ריכט מיט ארייכען סטאטיסטישען מא-טעריאל וועגען די קינדער, וועלכע זענען ארויסגעשיקט געווארען — די בעשעפ-טיגונג פון די עלטערן, זייערע וואוינונגס-בעדינגונגען, דער צוגאב און וואג, דער געזונדצושטאנד א. א. וו.

אין דער דיסקוסיע האבען אנטייל גע-נומען די אפיקונגעס ה"ה עדעליכט, מאליניאק, רייכענבאך, שולזינגער, די לעהרערין און לייטערין פון פאלקס-שול פרוי האלצמאן, לעהרער גרונדמאן און אנד.

אלע רעדנער האבען דורכאוים געפא-דערט, אז אויף די קאלאניעס זאלען היי-יאהר ארויסגעשיקט ווערען די זעלבע צאהל קינדער, אויב, צוליב דעם לאקאל, איז נישט מעגליך די צאהל צו פערגרעסערען.

אויף צו שאפען די נויטיגע געלד-פאנדען דארף ארגאניזירט ווערען א בלומעל-טאג און א קינדער-פארשטעלונג, אין וועלכער ס'וועלען אנטייל נעמען אלע שולען — די שול-אפיקונגעס און פאר-שטעהער פון פערשאנאנישען פערזאנאל.

די צווייטע קאנפערענץ וועט פארקו-מען דאנערשטאג ד. 19 פעברואר 7 אוינאווענד, און ס'וועלען פערטרעטען ווע-רען אלע שולען, וועלכע האבען אנ'אינ-טערעס פאר די זומער-קאלאניעס.

נעכטיגע זיצונג פון שטאט-ראט

נייע לאסטען פאר דער לאדזער בעפעלקערונג

דער לאדזער שטאט-ראט האט זיך אויף זיין נעכטיגער זיצונג בעשעפטיגט מיט א רייה „קלייניגקייטען", וועלכע ווענען נישט אדורך אהן דיסקוסיעס.

אהן דעבאטען זענען בעשטעטיגט געווא-רען פאלגענדע פראגען:

דאס פראלאנגירען ביז מאי 1933 דעם טערמין פון צוריקגעבען די הלואה פון 1 מיליאן זל., וועלכע איז גענומען געווארען אין דער קאמונאל-באנק אין ווארשא.

אז פאר געברויכטער בעלייכטונג, בעהייצונג, באד-צימער, בעטגעוואנד א. א. וו. פון האטעלען און מעבלירטע צי-מערן זאל ביי די אייגענטימער פון די האטעלען איינגענומען ווערען אפצאהל לטובת דער שטאט. ביז איצט איז גע-נומען געווארען קאמונאל-שטייער בלויז פון די פערדינגענע צימערן אין האטע-לען און מעבלירטע צימערן.

די ערשטע דיסקוסיע האט ארויסגע-רופען דער ענין וועגען פערפאכטען אויף 5 יאהר די שטאטישע קונסט-גאלעריע דעם אינסטיטוט צו פראפאגאנדירען קונסט. דער מאגיסטראט וועט דעם אינ-סטיטוט געבען 8000 זל. א יאהר.

ראטמ. וואיעוואודזין מיינט, אז מיט'ן שטעלען די פראגע אויפ'ן פלענום, מאכט מען חוזק פון שטאט-ראט, ווייל דער אפ-מאך מיט'ן אינסטיטוט איז אייגענטליך שוין געשלאסען געווארען. לאוויניק סמא-ליק לייקענט, אז דער אפמאך איז שוין געשלאסען געווארען, דער מאגיסטראט ווארט דערמיט אויפ'ן בעשלוס פון שטאט-ראט. אויך פרעז. זשעמיענצקי בעווייזט, אז ראטמ. וואיעוואדזקי'ס פארווארף איז אבסאלוט אומבעגרינדעט.

ראטמ. ביאלער ברענגט פאר'ן שטאט-ראט א משונה'דיגע נייעס: אין דער קונסט גאלעריע פלעגען פארקומען ליציטאציעס פון קונסט-ווערק, מעבלען און קונסט-לערישע געפעס פון צווייפעלהאפטע קונסטלערישען ווערט, נאר א דאנק דעם, וואס די נעגענשטאנדען זענען אויסגעפער-קויפט געווארען אין דער קונסט-גאלעריע האבען די ווערטלאזע זאכען געוואונען אויף זייער ווערט. אזא פראקטיק טאר אין אזא אינסטיטוט נישט אנגעווענדעט ווערען. צוליב דעם טראגט ארויין ראטמ. ביאלער א פארשלאג, אז אין אפמאך מיט'ן אינסטיטוט צו פראפאגאנדירען קונסט זאל זיין א פונקט, וואס פער-ווערט אזעלכע טראנזאקציעס.

לאווניק סמאליק פערזיכערט, אז לי-ציטאציעס וועלען נישט פארקומען, אבער ה' ביאלער'ס פארשלאג פאלט אדורך. דער מאגיסטראט ווערט לסוף בעפולמעכטיגט צו שליסען דעם דער-מאנטען אפמאך.

נאך צוואריגט ווערט די שטימונג ווען עס קומט אויפ'ן טיש ארויף די פראגע וועגען סטאטוט פון קאנצעלאריע אפצאהלונגען פאר דאקומענטען לטובת דער שטאט. ביז אהער איז דער ענין בלומרשט נישט געווען רעגולירט. די אפצאהלען זענען געווען נישט איינהייט-ליך. דער אוסטאוו זעהט פאר, אז ארי-מע און ארבייטסלאזע וועלען אדער אינ-גאנצען בעפרייט ווערען פון געוויסע אפ-צאהלונג, ביים ארויסגעמען דאקומענ-טען פון די שטאטישע אפטיילונגען אדער ביים צוגעבען בוזמעס, עווענטועל וועלען זיי בעקומען בעשטימטע הנחות. פאר געוויסע שיכטען, פאר'ן מיטעל-שטאנד און פערמעגליכע וועלען די אפ-צאהלונגען פון בוזמעס און בעשיינינגען פערגרעסערט ווערען, און געוויסע פאלען פערדאפעלט ווערען.

ראטמ. אדוו. ווייצמאן ווייזט אן, אז דאס וועלען בלומרשט רעגולירען אויף דעם פארגעלעגטען אופן די קאנצעלאריע אפצאהלונגען איז בעשיינבערליך אויסען א רעה-צוזמין די וואונירטע מאסען.

נאך די רעדעס פון לאווניק קוק און פרעז. ראפאפארט ווערט דער פארשלאג אין דער ערשטער רעדאקציע אנגענומען, נאר מיט א קליינער אויסבעסערונג. נאך דעם ווי ס'ווערען אנגענומען ענדערונגען צום סטאטוט וועגען קאמונאלען שטייער פון סחורות, וואס ווערען ארייגעפיהרט קיין לאדז מיט די באהנען ווערט די זיצונג געשלאסען.

יודיש פאלקס-טעאטער
זגערזשער 17 טעלעפאן 193-03
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן

וויכטיג נייעס! גרויסע סענסאציע פאר לאדז! וויכטיג נייעס!
פייערליכע ערעפנונג פון יודישן פאלקס-טעאטער מיט אנ'ערשטקלאסיגען געקליבענעם אנסאמבל מיט אנטייל פון דער ניי-אנגאזשירטער סוברעטין רעגינא בוימאן, בעוואוסטער ארטיסט מ. דראנאוו, בעקאנטער ארטיסט ה. באלבירסקי און י. טופמאן.

פרייטאג, דעם 13. 9 אזייגער אווענט — שטורמישע אפלאדיסמענטען ביי יעדע פארשטעלונג. גרויסער ריזען-ערפאלג אין פאלקס-טעאטער
די פרעהליכע קאמישע אפערעטע
דער זיסער חלום
הויפט-ראל יאנקעלע רעגינא בוימאן

שבת, 4 נאכמיטאג די זעהר אויסגעצייכנטע פיעסע מיט געזאנג און טענץ „די גאסען-קינדער" צו ביליגע פרייזען אין 4 אקטען פון סיגעל

שבת, ד. 14. 9 אוו. אויפ'ן פערלאנג פון פובליקום די ליבלינגס-אפערעטע
רומענישע חתונה
אין 3 אקט. מיט 25 נומ. געזאנג.

זונטאג, דעם 15-ען 9 אווענט פרעמיערע! צום ערשטען מאל אין לאדז דער אמעריקאנער שלאגער, וואס איז געשפילט געווארען אין ווארשאווער סקאלא-טעאטער איבער 100 מאל „מאן ווייב שלאנג" אין 3 אקט. מיט געזאנג. עס נעמט אנטייל דאס 6-יאריגע וואונדער-קינד לאלעק דראנאוו.

מאנטאג, דעם 16-ען 9 אווענד צו פאפולערע פרייזען צום 5-טען מאל „די גאסען-קינדער" אין 4 אקטען פון סיגעל

בעמערקונג! פרייזען פרייטאג און שבת אוו. 1 ביז 3 זל. א גאנצע וואך פון 80 ביז 2.50

ס'נעמט אנטייל פרויען לויט א.ב.: בעזמאן, בוימאן, פאדערמאן, ראזענצווייג. מענער: באלבירסקי, גוטמאן, גאלדבערג, דראנאוו, טופמאן, נייהויז, פא-לאנסקי, פאסטעל לעווקאוויטש. טעכנישער לייטער: ק. גוטמאן. סופלער: וו. נייהויז, אדמיניסטראטאר: נ. גאלדשטיין, ליכט-עפעקטען: י. שולמאן, ארטיסטישער מאלער: ביאלעצקי, דעקאראטאר: ה. ליטוואק.

דער זאל איז געהייצט. בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פאלקס-טעאטער.

את ידידנו הכי חשוב מר
פייבוש מוטיל ורעיתו
לנשואי בנם האהוב עזרא הננו מברך בברכת מזל-טוב המה ולבבית
ח. לבקוביץ ורעיתו

מזל-טוב בלב מלי שמחה הננו מעהלים ברכת מז"ט חמה לחברינו היקר מר יצחק דוב גיטער נ"י לרגלי ארושיו עם בחירת ליבו מאניא בארנשטיין ת"ח ויה"ר שצעדו הראשון על מפתן החיים יהא מאושרי ומוצק צדי עד כברכת
אלכסנדר כרזשאנאווסקי, שלמה יוסף העלהאץ, שמחה דרייהארן, ישעי' בערלינסקי, הלל פיוויש

Dr. med. R. Zalcwasser
כירורג
נעהמט אן פון 4 ביז 7 א זייגער אווענד
זשערזשמסליעג (פאנסקא) 1, טעל. 125-17
אין דער לעטשניצע, בזשעזשינער 11 פון 2-3

דעטאליסטען סוחרים-פעראיין
אויף לאדזער וואיעוואודזטווע (פיעטריקאווער 69).
זונטאג, ד. 15 פעברואר ד. י. 4 נאכמ. קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, פיעטריקאווער 69
קווער אפיצינע 1 שטאק
א גרויסער מיטינג
פון דעטייל- און קליינהענדלער-סוחרטום.
אויפ'ן טאג-ארדנונג: די פראגע וועגען עפענען דורך די אינדוסטריעלער קאנסומ'ס און דאס איינפיהרען דורך זיי דעם דעטייל-פערקויף.
אזוי ווי דער דאזיגער סיסטעם דראהט מיט ליקווידאציעס פון טויזענדער פלאצאוועס פון דעטייל און קליינהאנדעל, איז די אנוועזענהייט פון יעדען סוחר אויף דעם דאזיגען מיטינג אומבעדינגט נויטיג, כדי אפצוראטעווען זיין עקזיסטענץ. מיר בעטען פינקטליך צו קומען. די פערוואלטונג.

Pipikowa
אקושערין
דיפלאמירט פון פעטערבורגער קייזערליכער מעדיצינישער אקאדעמיע נעמט אן בעשטעלונגען
פיעטריקאווער 132.

Dr. M. GOLDFARB
זאוואדזקא 18, טעל. 153-19
הויט, האר און געשלעכטס-קראנקהייטען

מעבעל
גרעסטער, עלעגאנטעסטער אבער דער ביליגסטער אויסוואהל פון
בעקומט מען נאר ביי
I. NASIELSKI
פיעטריקאווער 9 טעלעפאן נומער 147-09
איך עמפעהלע די שעהנסטע שלאף-צימער, עס-צימער, קאבינעטען, ווי אויך איינצעלנע שטיק אויף די בעסטע בעדינגונגען, צו די ביליגסטע פרייזען
אנקוקען מיין געשעפט אז קויפצוואנג.

מלחמה-אַלאַרמען אין דייטשלאַנד

ווענען אַ קריג צווישען פּוילען און די סאָוויעטען

בערלין, 12. (ספּ.) די דייטשע פּרעסע פּערשפּרייט קלאַנגען, אַז פּוילען פּלאַנירט אַן אָנגריף אויף סאָוויעט-רוסלאַנד...

לאָקאַטאָרישע קרייזען גאָר אַפילו מיט די פּאַרשטעטער. פון דער דייטשער אינדוס...

שוידערליכער זעלבסטמאָרד פון אַ יודישען סוחר

וואַרשאַ, (טעל. פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). דער 40 יעהריגער יודישער סוחר יונה ווינגאַרד איז אין מיטן נאַכט בעגאַנגען זעלבסטמאָרד...

וויכטיגע פערזאַמלונג פון סוחרים-דעטאַליסטען

(—) זונטאָג קומט פאָר אין לאָקאַל פון דעטאַליסטען-פאַראיין ... 60 אַ גרויסע סוחרים-פערזאַמלונג...

יודישע פאָלקס-באַנק אין לאָדז

אָרדענטליכע גענעראַל-פערזאַמלונג

בעקאַנטמאַכונג

גענעראַל-פערזאַמלונג

„הכנסת חתנים וכלות“

ערשטער קלאַנג-קינאָ-טעאַטער אין לאָדז

SPLENDID

די לעצטע טעג!

אונטער די דעכער פון פּאַריז

Albert Prejan

Pola Ilera

FLECK און FLECKIE

פּרייזען פון די פּלעצער: 1 און 2 און 3 זל.

ייִן כשר!

„קאַרמעל“ № 7

1.50 זל.

נאָר 65 גראָשען

ח. בלאַנקשטיין, גלובנאַ 69

אַכטונג!

„Rikow-Werke“

ריכאַרד קאָך

Alexander Biernath & Co.

Łódź, Piotrkowska 157

פּאַלעסטינישע אָרגאַניזאַציע. לאָדז. וועלאַנאַ 10

אַ פּערלעזונג

אויפפיהרונג

יחזקאל פאַסמאַניק

משה בראָנשטיין

אויפפיהרונג

יחזקאל פאַסמאַניק

משה גרינשטיין

פאָלקס-אוניווערסיטעט

אַ פּערלעזונג

דאַנקזאַגונג

Profesor Dr.

RUTTIN

z Wiednia

chor. uszu, nosa i gardła będzie w Łodzi w dn. 26/2 r. b. u Dra Dynina 6. Sierpnia 30 godz. przyjęć od 5—7 popoł.

אַ מעבלירט צימער

ה"ה גנבים!

Stop! Złoty lekcja Stop!

dla niezamożnych — udziela specjalista wykwalifikowany pedagog szkół powszechnych własną, gruntowną, niezawodną metodą: języka polskiego, humanistyki, literatury, korespondencji, poprawia wymowę, przygotowuje do egzaminów. Piotrkowska 17, lewa of. I wej. II piętro m. 13.

מ. ד. גאָטליב

אַן אָטאָמאָבילגעשעפט גוט

Bolesław Armgard, Gniew (Pomorze) ulica Wiślanna № 11 tel. 16.

מלבושׂ ערוּמים

אומזיסטע מעדיצינישע הילף פאַר אונפערמעגליכע

אַ יונגערמאַן

יודען! אין אייער שטוב דאַרף זיך געפינען די אמת'ע גוטע ארץ-ישראל'דיגע פּראָדוקטען

CZARY

אויף מערב

Jack Holt, Margaret Morris

פאַט און פאַטאַשאָן

פנים אל פנים מיט'ן טויט

„געפלאַצטע סטרונעס“

Henry Bataille

Franceska Bertini

הייזעלע...

Werner Kraus — Jenny Jugo

PALACE

לאָדזשער טאַגעבלאַט

דער רעדאַקטאָר נעמט-אָן פון 6 בזי 7 אין אָוונד
נישט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אַדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16
טעלעפאָנען: רעדאַקציע 160-57, אַדמיניסטראַציע 100-47

דער גרעסטער שונא-ישראל געשטאָרבען א האלבער בעל-תשובה

די טראַגעדיע פוז פראָפ. ד״ר אויגוסט ראָלאַנד. — דער מאַן, וואס האט אנגעפיהרט מיט די שרעקליכסטע עלילת-דם אַטאַקעס געגען יודען. — ווי אַזוי ער איז אויסגעלייזט געוואָרען פון דער שענדליכער זינד. — די צערעמאָניעלע שבועה על קידוש השם פון אַ יוד. געלעהרטען. — רוסלאַנד, דערשיטערט פון חרטה, שטאַרבט

(אַ בריף פון ווין צום „לאָדזשער טאַגעבלאַט")

פון מ. א. טענענבלאַט

די אַמאָליגע שטאַרקסטע זייל פון קלעריקאַלען אַנטיסעמיטיזם אין צענטראַל-אייראָפּא, פּראָפ. ד״ר אויגוסט ראָלינג, איז געשטאָרבען פאַראייניגזאַמט, פאַרגעסען פון דער גאַנצער וועלט.

אַמאָל אַ קאַמף-פיגור, אַרום וועלכער עס האָט זיך קאָנצענטרירט די שווערסטע אַנטיסעמיטישע אָפּענסיווע פון עלילת-דם, פון ווילדע אַטאַקעס געגען דער גאַנצער רבנישער ליטעראַטור, אָנגעהויבען פון די חכמי התלמוד ביז צו די שפּעטערדיגע גרויסע מקובלים, ווי ר׳ חיים וויטאַל — איז דער ניינציגער קריסטליכער טעאָלאָג ראָלינג געווען אין די לעצטע 30 יאָהר אַן אָפּגעריבענע מטבע אָהן שום ווערט. נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרשפּילט דעם היסטאָרישען פּראָצעס געגען ווינער ראַבינער און דעפּוטאַט ד״ר ש. בלאָך, וועלכער האָט אים עפענטליך פאַרנעוואָרפען פעלשונגען פון פאַרשידענע מאמרים אין תלמוד און פוסקים, איז …

„מחילה" פאַר די „חטאים" פון אַמאָליגען פּראָצעס. דער אַלטער שונא ישראל איז געלעגען אַ צומאַטערטער און עס איז אים געווען זעהר שלעכט אויפ׳ן האַרצען, ווי חיים בלאָך האָט אים אויפגעדעקט די אַמאָליגע געשיכטע און געזאָגט אים, אַז גראָד אַצינד פאַר׳ן טויט האָט ער די געלעגענהייט צו זיין אַ מפשפש במעשיו און מתקן זיין דעם גרויסען אומרעכט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן דעם יודישען פאָלק. ראָלאַנד האָט זיך עטליכע מאָל געשוואוירען, אַז ער איז חלילה נישט קיין אַנטיסעמיט און עס טוט אים וועה אין טיפען האַרצען, וואָס די האַקענקרייצלער און זייער גלייכען פאַררופען זיך אויף אים און זיינע ספרים. ער וויל אונבעדינגט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל אים גלויבען, אַז ער …

ליגען מוסר-היהדות פון דער רבנישער ליטעראַטור. ערשט די דאָזיגע שבועה אין טלית און תפילין האָט צומישט און צעררודערט דעם אַלטען עקשן און אויפגענומען ביי אים די נאַרישע אמונה און אַזא שרעקליכען באַרבאַריזם ביים יודישען פאָלק.

דורכ׳ן פאַקט פון דער שבועה, איז דער אַלטמשקער אַזוי פאַרמאַטערט געוואָרען, אַז זיין עלטער-שוואַכקייט איז גרעסער געוואָרען פון טאָג צו טאָג און אַנדער ער האָט געקאָנט זיך דערשלאָגען אָפּצוגעבען אַ שריפטליכע מעלדונג און אַן עפענטליכען ווידוי איבער זיינע שווערען לעבענס-טעות וועגען עלילת-דם, האָט ער פאַרלוירען די לעצטע כחות און איז געשטאָרבען אָהן לשון.

…

שטיקעל צייט שפּעטער. אָבער דורך דער שטאַרקער דערשיטערונג איז דער זקן מעהר נישט אַרויס פון בעט, האָט מעהר נישט געטאָרט רעדען מיט קיין מענשען. ער האָט זיך שווער אָפּגעמוטשעט די עטליכע וואָכען ביז ״עה טייט האָט אים אויסגעלייזט פון זיינע יסורים און חרטה. (יט״א)

לאָדזשער יוד. קאַמער-טעאַטער — נייער

„אָרט"

ווייסער זאַל „מאָנטיפּעל"
זאַכאַדניאַ 43
קינסטלערישער לייטער: מ. בראָדערזאָן.
לייטער: א. בעזמאַן.

היינט פרייטאָג 2 פאָרשטעלונגען 7.45 און 9.45 אָוונד
מאָרגען שבת 3 פאָרשטעלונגען 4 נאָכמ. 7.45 און 9.45

פון 80 גר. ביז 3 זל.

4-טער פּראָגראַם א. נ.:

„דאָס רעדעל דרייט זיך"

אין 2 טיילען, 12 נייע שלאַגערס.

טעקסטען: מ. בראָדערזאָן, דער טונקעלער און אָווערטשענקאָ. מוזיק: ה. רובין און א. ביינצלמאַן, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: י. ברוינער, טענץ און פּלאַסטיק ג. קרושובנאַ און מ. אַלטערן, רעזשי - ש. דזשיגאַן, י. שומאַכער, מוזיק-לייטער - הערץ רובין, ליכט-עפעקטען - יערעז. בינע-אינספּעקטאָר מ. קאָן.

בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער פון 5 אַ זייגער און. שבת אַ גאַנצען טאָג.

די פּאָליטיק פון דער וואָך

א פייער שפייענדיגער וואולקאַן. — דער אַרויסטריט פון די היטלער-דעפּוטאַטען פון פּאַרלאַמענט. — דער פאַרשאַפטער רעגולאַמין. — קורציוס קריגערישע רעדע.

דייטשלאַנד איז שוין אַ לאַנגע צייט געגליכען צו אַ וואולקאַן. אַמאָל איז דער וואולקאַן אויסגעשטילט, שלאָפט כלומר׳שט רוהיג און אַמאָל הויבט ער ווידער אָן צו שפּייען מיט פייער. אָבער טיף אונטער דער ערד פון דעם דאָזיגען וואולקאַן געפינט זיך שטענדיג אַ היסער גליהענדיגער פייער-שפּייענדיגער ים. און דער דאָזיגער וואולקאַן וועט אַמאָל אָנהויבען צו שפּייען מיט אַזוי פיל רויך און …

די קאָמוניסטען קאָנען זיך נישט צופרידענשטעלען מיט דאָס פּאַרלאַמענטאַרישע לעבען ווערט אַזוי אַרום פּאַראַליזירט. די רעגירונג רעכענט זיך אָבער, לעת עתה נישט דערמיט און אַנדערע מיניסטאָרען האַלטען זייערע רעדעס פאַר די איבעריגע בלייבענע מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשעהען.

באַלד נאָך דעם אַרויסטריט פון די היטלעריסטען האָט דער אויסערן-מיניסטער …

…

די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק זעהר שטאַרק פאַרבונדען מיט די אינערליכע געשעהענישען אין דייטשלאַנד, און דעריבער ווערען זיי אַזוי אויפמערקזאַם פאַלגט פון דער גאַנצער וועלט.

… לאַמענט ווילען זיי נישט. די מאַנדאַטען האָבען זיי נישט געלייגט. זיי קומען נאָר נישט אויף די זיצונגען, אָבער דעפּוטאַטען בלייבען זיי ווייטער.

4 היטלער-דעפּוטאַטען פיהרען דעם פאָרזיץ פון פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמיסיעס, רופען זיי נישט קיין זיצונגען און …

ב. ז-ו.

פילהאַרמאָניע-זאַל

זונטאָג, דעם 15-טען ה. ח. 8.30 אָוונד

גרויסער קאָנצערט

פון יודישע פאָלקס-לידער, חסידישע ניגונים און פאָלקס-הומאָר

פון די בעריהמטע און פּאָפּולערסטע פאָלקס-זינגער, זאַמלער און פערשפּרייטער פון יודישען פאָלקס-ליד

זמרה זעליגפעלד

און

מ. קיפּניס

אין זייער רייכען און נייעם טריאומף-פּראָגראַם.

ביים קלאַוויר איגנאַצי שטערלינג.

אַ גאַנץ ניי פּראָגראַם פון די פּרעכטיגסטע פאָלקס-לידער, דועטען און פאָלקס-באַלאַדען פון קיפּניס׳עס נייעסטער זאַמלונג.	יודישע מוזיק, חסידישע ניגונים סקאַרבאָווע מאָטיוון און פאָלקס-הומאָר.

בילעטען פון 1 ביז 4 זל. איז שוין צו בעקומען ביי דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

די איבערלעבענישען פון אַ לאָדזשער דעטעקטיוו

(געשריבען ספּעציעל פאַר׳ן „לאָדזשער טאַגעבלאַט")

פון בערנאַרד הילער

(6-טע פאָרטזעצונג)

רינגאַרט איז אַרײַן אין אַ שעהן-אייגעאָרדענטען צימער און געפרעגט:

— מיט צעהן יאָהר צוריק האָט יאַקוב קרויש זיך איבערגעצויגען קיין וואַרשאַ, איז עס אמת?

— יאָ.

— וואָס האָט אים בעוואויגען זיך …

אויהר נישט, וואָס ער האָט געטאָן אין וואַרשאַ?

— ניין!

ער האָט זיך געזעגענט מיט אויהר אין און אַוועק אויף דער גאַס.

געפינענדיג זיך אין טראַמוויי, האָט רינגאַרט געזאָגט צו זיך אַ פערטראַכטער:

…

בעשטעלט אַ קופּעל ביער. דערנאָך האָט ער געגומען רעדען מיט׳ן רעסטאָראַטאָר און גלייכצייטיג האָט ער אָבסערווירט דעם פאַרשוין לעבען פענסטער.

— יאָ, אָהן צווייפעל, דאָס איז דער יאַקוב קרויש. מ׳קען אים אַפילו דערקענען לויט דער פאָטאָגראַפיע.

…

קנייטשעט פּנים. ער האָט געהאַט אונגעווענליך געדיכטע, שוואַרצע צוואָרפענע האָר און טיף איינגעפאַלענע אויגען.

אויף דעם דאָזיגען פּנים האָט מען געקענט זעהן אַ פערברעכערישען מענש און יעדער אָרענטליכער מענש וואָלט אינסטינקטיוו זיך געהאַלטען פון דערווייטענס פון דעם פאַרשוין.

בעת רינגאַרט איז אַרייַנגעקומען, האָט דער אומבעקאַנטער אים אָפּגעמאָסטען מיט אַ שאַרפען בליק און דערנאָך האָט ער ווידער גענומען אַרויסקוקען אויף דער גאַס.

רינגאַרט האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ער אָבסערווירט דאָס הויז געגען-איבער.

דער דעטעקטיוו איז צו צום בופעט און …

זאַל „פילהאַרמאָניע"
נאַרוטאָוויטשאַ 20.

מאָנטאָג, ד. 16. ד. ח. 8.30 אָוונד

איינציגער אויפטריט

פון בעריהמטען קינסטלער-רעציטאַטאָר

הערץ גראָסבאַרד

וואָרט-קאָנצערט

בילעטען שוין צו בעקומען ביי דער קאַסע.

— אָהן צווייפעל!

— גאָט מיינער, זאָל עס זיין אמת. אַ, ווי גליקליך איך וועל זיין, ווען ער וועט זיצען הינטער די קראַטעס.

— איך גלויב אייך באמת. אָבער הערט מיך אויס. איך וויל, אַז דער פאַרברעכער זאָל קומען אַהער און אַרויסגיין אויפ׳ן בוידעם. דאָרט וויל איך אים פּאַקען. איך וויל עס גלייך מיטטיילען דעם פּאָליציי-אינספּעקטאָר, וועלכער טראַכט אַלץ כסדר, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ זעלבסטמאָרד.

— אויסגעצייכענט! איך בין פולשטענדיג מסכים מיט אייך.

— אַט הערט, וואָס אויהר דאַרפט מיר …

…

הערפון וועט ווערען אויהר קענט זיך נישט פאָרשטעלען, הער רינגאַרט, ווי איך ליידט דערפון. ווען מ׳האָט געפיהרט מיין טייערע העלענאַ צו דער אייביגער רוה, האָב איך צוויי מאָל געחלשט, הגם איך בין ביי דער נאַטור נישט אַזוי וויינערליך. זי וואָלט דאָך געקאָנט נאָך לעבען פיל גליקליכע יאָהרען, ווען יענער אויסוואורף וואָלט זי נישט אומגעבראַכט.

— די שטראָף וועט אים נישט מיידען. ער וועט ענדיגען אויף דער תליה. אויהר קענט זיין פולשטענדיג זיכער, הער שפּאַנג!

(דאָס ווייטערע קומט).



דער חאמאל פון באגדאד

פון ד"ר א. קאראלניק

אויף די גאסן פון באגדאד קאן מען זען כמעט צו יעדער שעה פון טאג ועהן א גאנץ געוועהנליך בילד — געוועהנליך אין דעם גאנצען מזרח — פון מענשען, וואס גהען איינגעבויגען און פירען און שלעפען אויף זייערע רוקענס אונגעהויערע לאסטען. געוועהנליך גהען זיי צו פארלעך — און אמאל נאך מער. איינער טראגט די משא — א צווייטער האלט דעם טרעגער ביים גארטעל — א דריטער העלפט איהם קרעכצען, אדער זאגט דערביי עפיס א פסוק פון דעם קאראן.

און ווען מען פרעגט אין באגדאד — ווער זענען עס אט די „חאמאלס“, די משא-טרעגערס, צו וואס פאר א שבט אדער פאלק זיי בעלאנגען — ענטפערט מען: דאס זענען „לורען“ — ד.ה. מענשען, וואס קומען פון לוריסטאן, דעם פלאכענעם לאנד אין די בערג פון צפון-צו, נאהנט צו קאווקאז.

און ווער וואלט זיך גערינכט — קוקענדיג אויף די קליינע, דארע, טונקעלע לורען — אז דאס זענען איינניקלעך און יורשים פון איינעם פון די עלטסטע פעלקער פון דער וועלט, פון א פאלק, וואס האט שוין אפגעשפילט און איז שוין היסטאריש געווען כמעט ווי פערשוואונדען, ווען פון יודען איז נאך קיין זכר נישט געווען, און ווען די הינטיגע פעלקער פון דעם אייראפעאישען און אזיאטישען קאנטינענט האבען זיך נאך נישט בעוויזען אויפ'ן האריזאנט.

נאך איידער אשור און בבל זענען געווען — און פאר די רעטענישדיגע מענשען פון שמיר און אכד, וואס זענען געזעסען אין מעסאפאטאמיען נאך פאר די סעמיטען — נאך אין די גאר-גאר אלטע צייטען, פיר טויזענד יאהר פאר אונזער צייט-רעכנונג, ד. ה. זעקס טויזענד יאהר צוריק — זענען די זיידעס פון די לורער פאקען-טרעגער שוין געזעסען אין דעם לאנד, דארט מלחמות געפיהרט, גאט געדינט, דארט געראבעוועט און דארט געקיניגט.

עס איז געווען א צייט — אונגעפעהר דריי טויזענד אכט הונדערט, אדער גאנצע פיר טויזענד יאהר צוריק — ווען די לורען — אדער ווי זיי האבען דעמאלט געהייסען די „לולים“ — האבען געהערשט איבער אשור. און אין דעם אזוי-גערופענעם „גרויסען מלכים-צעטעל פון אשור“ האבען מיר נעמען ווי לולאי, באזאי, ארסי, — נעמען, וואס זענען, נים סעמיטיש, לאזען זיך נישט ערקלערען דורך קיינער פון די אונז בעקאנטע שפראכען — אפילו נישט דורך דער אלט-סומערישער. עס איז א שפראך-גרופע פאר זיך, א פאר ברעקלעך, וואס זענען געבליבען פון אנ'אמאליגער, פערשפרייטער און גרויסער פאלקס-גרופע, וואס שטעהט פאר זיך אליין אין דער געשיכטע, א גרופע, וואס פאסט זיך נישט אריין אין די בעקאנטע קלאסיפיקאציעס — סעמיטיש, אריש, אדער האמיטיש (פון חם).

דער האמאל פון באגדאד איז דער לעצטער פון א לאנגער קייט, וואס האט זיך אנגעהויבען ערגיץ וואו אין די בערג פון קאווקאז, אדער ביים שווארצען ים — דארט וואו עס איז היינט די קובאנער געגענד — אדער ביים קאספישען ים, אדער ווער ווייסט וואו?

יעדענפאלס — א קייט פון פעלקער און פון שפראכען, וואס האבען אפגעלעבט זייער געשיכטע, איידער זי האט זיך, אזוי צו זאגען, פארמעל, אפיציעל אנגעהויבען.

עס איז א מערקווירדיגע זאך מיט דער געשיכטע. ערשט נישט לאנג צוריק — אין אנהויב פון דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט — האט מען אזוי קלאר געוואוסט ווען די געשיכטע האט זיך אנגעהויבען — און העגעל האט שוין אפילו געוואוסט, ווען זי האט זיך פערענדיגט. איהר סוף — ד. ה. איהר העכסטע ענטוויקלונג — האט די געשיכטע דערגרייכט אין פרייסען; און איהר אנהויב איז געווען דארט, וואו דער חומש האט איהם אוועקגעשטעלט. און די „פריידענקער“ האבען זי נאך א ביסעל נעהנטער געמאכט: די בובעל איז דאך לעגענדע פון אנהויב ביז צום סוף — דערפאר איז אויך איהר געשיכטע נישט מעהר ווי א לעגענדע און א פאנטאזיע. די אמת'ע געשיכטע הויבט זיך דערפאר אן מיט גריכענלאנד און רוים — און אייראפא; מיט מצרים און אשור-בבל און דעם מזרח.

און פריהער? פריהער איז נאך קיין געשיכטע נישט געווען. בלויז עפיס ווילדע שבטים, נאמאדען אהן קולטור, אהן שריפט, אהן סאציאלער ארדנונג, „פאר-געשיכטליכע“ פעלקער און נישט מעהר.

געקומען אבער די ארכעאלאגיע, די פילאלאגיע. מען האט גענראבען, מען האט געפונען — שערבעלעך — און אויף זיי צייכענס — און פילאלאגען האבען זיך גענומען — און איינס נאך דעם אנדערען זענען פעלקער לעבעדיג געווארען, פערגעסענע און פערלוירענע שפראכען זענען אויפגעשטאנען פון זייער טויטען שלאף, נעמען פון מענשען ווערען אויפגעשוואמען. א גאנצע וועלט — די „פארהיסטארישע“ — איז געווארען היסטאריש. און די אלטע לעגענדעס פון דער ביבעל זענען געווארען פשוט'ע היסטארישע ארכעאלאגישע נאטיצען, רמזים נישט אויף קיין מיסטישע סודות — נאר אויף א היסטארישער ווירקליכקייט, וואס איז פערשוואונדען און פערגעסען.

וואו מען עפענט די ביבעל — איז ארכעאלאגיע. און דער געשיכטע פון נח און זיינע קינדער — די גאנצע אלטע געאגראפיע און עטנאגראפיע. און ווען עס הייסט, למשל: „און די קינדער פון יפת זענען געווען גומר, מגוג, מדי, יון, תובל, משך און תירס“ א.א.וו. און „די קינדער פון חם — כוש, מצרים, פוט און כנען; און פון שם — עילם און אשור, ארפכשד, לוד און ארם“ — איז דאס נישט בלויז קיין צוגעטראפענע, אויסגעטראכטע טאבעלע — עס איז געווען די היסטארישע און געאגראפישע פארשונג פון יענער צייט, עס איז געוועזן די געשיכטליכע טראדיציע, און מען מוז זיך בעציהען צו דער ליסטע פיל-פיל ערנסטער, ווי מען האט געמיינט.

מיט יעדען נייעם יאהר ברענגען די אויסגראבונגען אין מעסאפאטאמיען, אין אנאטאליען, און דעם גאנצען „נאהענטען מזרח“ אלץ נעהענטער די סודות'דיגע פעלקער, וואס זענען פערבארגען אונטער די בובלישע נעמען. צוערשט זענען עס געווען די סומעריער פון אור-כשדים, וואס האבען צוריק בעקומען זייער פלאץ אין דער געשיכטע. דערנאך זענען עס געווען די חתים — איצט איז עילם און כוש און די חורים און די כותים און די לולים. עילם און די פעלקער און איז ארום איהם איז געווארען פון א נאמען א קאנקרעטע לאנד און א פאלק מיט א געשיכטע.

א גרויסע ליטעראטור — וואס וואקסט פון טאג צו טאג. ביכער, זשורנאלען, וויסענשאפטליכע פארשונגען, אויסטייטשונגען און פערגלייכען — די „פאריער אזיאטישע פארשונג“ — איז געווארען איינער פון די פערצווייגטסטע און די פערכאפענדסטע טיילען פון דער היסטארישער און פילאלאגישער פארשונג. בפרט איצט, ווען א גרופע געלעהרטע אין רוסלאנד — ווי ניקאלאי מאר, צערטעלי און אנדערע — האבען געגראבען און פערבינדען די היינטיגע קאווקאזישע שפראכען — גרוזיש, מינגרעליש, אבכאזיש, ארמעניש א.א.וו. — מיט אט די אוראלטע שפראכען פון עילם און פון די אלע לענדער, וואס זענען אנגערופען אין ספר בראשית — שפראכען, וואס מאר רופט אן די „יאפעטישע“, די שפראכען פון יפת. עס עפענען זיך נייע פערספעקטיוון פאר דער שפראך-פארשונג און פאר דער געשיכטע פון די פערגעסענע און פערקלינגענע צייטען.

איך האב אנגעוויזען אויף א פסוק אין בראשית. דארט איז נאך אלצדינג רעטענישדיג. אבער אט איז אנ'אנדער פסוק פון מלכים (ב', י"ז): „ויבא מלך אשור מבבל ומכותה ומעוא ומחמת וספרוים וישב בערי שמרון“ א.א.וו. — „און דער מלך פון אשור האט געבראכט מענשען צושטערונג. אז עס נישט איינע פון די וועלטבעקאנטע ערשיינונגען — טויזענדער יאהרען נאכאנאנד — כמעט אויף דעם איינגענעם שמח לאנד — כמעט א נטער די איינציגע בעדינגונגען — שטענדיג און קאמף אקעגען דעם סעמיטיש פון אשור און בבל — און נאך פריהער, דער סומעריער פון אור כשדים און פון ערך — תמיד דער קאמף פון דעם „איינגעבוירענעם“ אקעגען דעם איינוואנדערער און פון בבל און פון כותה און פון חמת און ספרוים און האט זיי בעזעצט אין די שטעט פון שמרון“.

און ווידער טרעפען מיר אן א נאמען וואס קומט דערנאך זעהר אפט פאר אין דער יודישער ליטעראטור, א נאמען וואס איז געווען ביז נישט לאנג צוריק אונפערשטענדליך: „כותה“. מיר טרעפען איהם דערנאך אין דעם „פת כתים“. „כתי“ ווערט א פאלקס-אויסדרוק פאר פרעמדע, פאר נישט-יודישע. ווער זענען די כתים? און ווידער קומט די ארכעאלאגיע, די פילאלאגיע און ברענגט אין מערקווירדיגע, גאנץ אומגערוכטע אויפדעקונגען. ווער האט עס זיך געריכט, אז אט די „כותה“, פון וואנען דער מלך פון אשור האט אריבערגעבראכט קאלאניסטען קיין שמרון, — ד.ה. קיין פאלעסטינא — און זיי דארט בעזעצט, אט די כתים, וואס ווערען אזוי אפט דערמאנט און תלמוד — זענען די אמאליגע „גוטי“ — וואס ווערען דערמאנט אין די אויפשריפטען פון שלמנאצר דעם ערשטען — מיט דריי טויזענד צוויי הונדערט יאהר צוריק — דעם קעניג פון אשור: „דערנאך האבען די כותים, וואס זענען ווי די שטערען אין הימעל, אהן א צאהל, אבער געגנגט און צושטערונג — מורד געווען אקעגען מיר“ א.ז.וו.

און דאס מערקווירדיגסטע איז, אז אט די גוטי — אדער כותי — זענען נישט קיין אנדערע, ווי די היינטיגע קורדען, אט די אייביגע שונאים פון די סעמיטישע אראבער, אט די מייסטערס פון בעזוינגער. דער קאמף האט אנגענומען אנדערע פארמען: אקעגען דעם טערק, אקעגען דעם אראבער — אבער עס איז נאך אלץ דער המשך פון אנ'אלטען פערטיידיגונגס-קאמף. די ערשטע בעלי-הבתים פון דעם לאנד קאנען נישט פערגעסען און פערגעבען.

עס קאן זיין, אז דאס זענען בלויז פילאלאגישע השערות, כמעט-כמעט ווי א היסטארישער ראמאן. און איך פערשטעה זעהר גוט — פארוואס פראפעססאר אפרים נ. ספייזער, פון פילאדעלפיע — און זיין אויסגעצייכענטען, פילאלאגיש און ארכעאלאגיש אזוי געזונד און פעסט פונדירטען בוך „די מעסאפאטאמישע אנהייבען“ — א שטודיע וועגען דער גרונד-בעפעלקערונג פון דעם נאהנטען מזרח — איז אזוי פארזיכטיג און רעזערווירט אין זיינע השערות און שלוס-צוהוגגען. אפילו דארט וואו ער האט כמעט אלע דאטען און וואו עס בעט זיך אנ'איבערראשענדער שלוס — בלייבט פראפ. ספייזער כמעט תמיד ביי א פראגע-צייכען און ביי „אפשר“ און „עס קאן זיין“.

און עס איז שווער — כמעט אונמעגליך — איבערצוגעבען, אפילו בלויז אנצומערקען, די אינטערעסאנטע פילאלאגישע אויפדעקונגען און ערקלערונגען, וואס געפינען זיך אין דעם בוך פון דעם פארשער, א בוך, וואס איז א מין דערווייליגער סך-הכל פון דער גאנצער פארשונג אויף דעם געביט פון דער פילאלאגיע און ארכעאלאגיע פון דעם נאהנטען מזרח.

איך נעהם זיך אויך גארנישט אונטער ארומצוגעהן אין א דיסקוסיע וועגען דער אדער אנ'אנדער דעטאל-פראגע, וואס דער פארשער האט בערוהרט אדער אויסגעלאזט. און דער פילאלאגיע מוז מען בכלל זיין זעהר פארזיכטיג מיט השערות. אט צ.ב. איז מיר איינגעפאלען א השערה בשעת איך האב געלייענט דאס בוך — אין דעם קאפיטעל וועגען די חורים, וואס האבען געשפילט, ווי מיר ווייסען איצט, אזא געוואלדיגע ראלע אין דער פארמירונג פון דעם יודישען פאלק — אזוי ווייט אז עס איז פאראן א השערה, אז יודען זענען איינגענטליך סעמיטיזירטע חורים, ד. ה. ווי די כלרים, ד.ה. די ארמענייער און אנדערע, וואס האבען איינגעוואנדערט אין כנען און איבערגענומען די שפראך פון די סעמיטען — און די השערה איז, אז דער אלטער נאמען פון חברון — קרית ארבע — מיינט גארנישט ווי מען האט געטייטשט ביז אהער: די שטאט פון פיר, וואס די פיר זאלען נישט בעטייטשען, — עס און אשר גארנישט קיין סעמיטישער נאמען בכלל. דאס ווארט „ארבע“ און אין דעם צוזאמענהאנג נישט אורגעטיש מיט דעם סעמיטישען „ארבע“ (פיר), נאר מיט דעם חורי'ישען „אר-בא“, נאך דער אנאלאגיע מיט א סך אנדערע חורישע שטעט און נעמען, וואס האבען דעם שורש „אר“ (ארראפא, אראקוי, ארבילום א.א.וו.). עס איז מיר א וואונדער, פארוואס פראפעסאר ספייזער האט נישט אויפמערקזאם געמאכט אויף דער מעגליכקייט פון אזא אויסטייטשונג, פון אזא היסטארישער ערקלערונג. אבער אפשר איז ער גערעכט, וואס ער לאזט זיך נישט אריין צופיל א.ז.וו. פילאלאגישע השערות. עס איז א געפעהרליכער וועג — עס איז זעהר גרינג זיך ארפצוגליטשען ביז צום היסטארישען ראמאן. א שעהן היסטארישער בילד — אבער די וויסענשאפט, דער היסטארישער אמת פערלירט דערביי.

(ענדע—זייט 11)

אנ'אווענד אין גראנד-האטעל אין מאסקווע

(רייזע-איינדרוקען פון ראטען-פערבאנד) — פון ראובן בריינין

דאס איינציגע ארט אין מאסקווע, וואו מען בעקומט גוטען טעע און פאפיראסען.-אין קרייז פון אנ'אינטערנאציאנאלער גרופע שריפטשטעלער.-רעפלעקסען און בעאבאכטונגען

דער גראנד-האטעל (דאס איז איצט דער טויט-נאמען פון דער „באלשאיא מאסקאווסקאיא גאסטיניצא“) איז דער טרעף-פונקט פון די אויסלענדער אין מאסקווע. כמעט טעגליך פלעג איך זיך דארט צוזאמענטרעפען מיט אויסלענדישע צייטונגס-קארעספאנדענטען, מיט רעפרעזענטאנטען פון דער וויסענשאפט, פון איהרע פערשידענע צווייגען, מיט שריפטשטעלער און קונסטלער מכל המינים.

ווען מען זאל נישט קומען, צו וואס פאר א שטונדע עס זאל נישט זיין (די פראכטפולע, גערוימע זאלען פונם רעסטאראן אין גראנד-האטעל זענען אפען געוועהנליך ביז דריי א זייגער אין דער פרי), טרעפט מען דארט אינטערנאציאנאלען פובליקום.

צווישען די אויסלענדישע קומט טרעפט מען אן נישט זעלטען אויך אומרוהיגע, זוכענדע און פארוואונדערטע גייסטער. וואס קומען קיין סאוויעט-רוסלאנד, אום צו זעהן מיט זייערע אייגענע אויגען און אום צו שטודירען מיט זייערע אייגענע מוחות דעם גיגאנטישען וועלט-עקספערימענט, וואס הייסט „באלשעוויזם“.

און ווי פערשידענארטיג און אייגענטימליך שפיגעלט זיך אפ דאס נייע געבוירענע רוסלאנד אין די דאזיגע פערשידענע וויסענשאפטליך אדער קונסטלעריש-געשולטע און געאובטע מוחות!

און וואס זייערע פאליטיש-סאציאלע אנזיכטען און איבערצייגונגען זאלען נישט געוועזען זיין פון צו-הויזאוס און וואס פאר א גייסטיגער אטמאספער זיי זאלען נישט זיין אויסגעוואקסען, קומען זיי נאך אין דירעקטער בערירונג, פנים אל פנים, מיט דער נייער רוסישער ווירקליכקייט, — דאן, ווען זיי זענען אומאפהענגיגע גייסטער און שרעקען זיך נישט פאר דער ווארהייט, — דאן מוזען זיי געבען זייער סאציאלען געדאנקען-גאנג א גאנץ אנדער ריכטונג.

ווי עס שיינט אבער, זענען אומאפהענגיגע גייסטער, וועלכע דערשרעקען זיך נישט פאר דער אקעטער וואהרהייט, נישטא צופיל אויף דער וועלט.

עס איז געווען אין מיטען חודש יולי — דער הויך-סעזאן פאר די אמעריקאנער טוריסטען, וועלכע האבען אנגעפילט און אנגעפאקט, אריבער און אריבער, דעם גראנד-האטעל און האטעל סאוואי.

און איינעם פון יענע אוונטען האב איך זיך צוזאמענגעטראפען מיט אנ'אינטערנאציאנאלער גרופע פון שריפטשטעלער, וואס געפינען זיך אין מאסקווע, צו זאמלען מאטעריאל און בעאבאכטונגען פאר געפלאנטע ווערק וועגען ראטענפערבאנד.

מיר האבען זיך צוזאמענגעטראפען, ווי געוועהנליך, אויף א גלאז טיי אין גראנד-האטעל, דער איינציגער פלאץ אין מאסקווע, וואו מען קאן בעקומען גוטע טיי, ריין און שיין סערווירט און דערביי באקוועם און אנגענעהם צו פערברענגען א פאר שעה און גוטער געזעלשאפט פון די פערשידענסטע און קינסטלעריש-רעקאמירטע זאלען.

און נאך עטוואס: אין גראנד-האטעל איז דאן געווען דער איינציגער ארט, וואו מען האט געקענט צו יעדער צייט בעקומען צו קויפען פיינע פאפיראסען פון פיינסטען סארט. עס איז געווען דאן א גרויס דחקות, א מאנגעל, און רויכער-מאטעריאל. עס זענען דאן געווען טעג און וואכען, נישט נאר אין דער פראווינץ, נאר אפילו אין מאסקווע גופא ווען לייטענישאפטליכע רויכערער האבען געשמאכטעט און געלעכצט נאך עטוואס צום רויכערן און האבען אפילו מאכארקע, „טיטון“, נישט געקאנט בעקומען צום קויפען.

אונזער גרופע זיצט ארום א רונדען טיש. מיר איז סערווירט און פיין-געשליפענע גלעזער, און אויפ'ן טיש זענען ארום געשטעלט שאכטלען מיט רוסישע סיגארעטען — דער העכסטער גרייכבארער לוקסוס פאר די פיין-מענשען און מאסקווע.

די שרייבער ארום טיש — א יונגע, לוסטיגע און זעהר טאלאנטירטע חברה. ווייניג: טראדיציע, מעהר — צוקונפטס מוזיק. אנגערעגט פון דער גאנצער [illegible] און פון די רוסישע פאפיראסען מיט די לאנגע מונדשטיקען, איז די חברה שרייבער געווארען זעהר רעדעוודיג און וויטס-געשפרעכיג.

איך, אלס דער עלטסטער אין דער דאזיגער קאמפאניע, האב פארזיכטיג און ווי אהן א בעזונדערער כוונה ארויפגעפירט דעם בעלעבטען שמועס, וואס איז געווען א.ז. פוילען דאמה, וועגען די אמעריקאנער טוריסטען, וואס האבען מיט זייער אויפפיהרונג געמאכט אנ'אפשטויסענדיגען איינדרוק אויף די איינוואהנער. דעם שמועס האב איך אויך ארויפגעפירט אויף אנדערע רעלסען, און דער ריכטונג צו רוסלאנד גופא.

מיך האט אינטערעסירט צו וויסען, צו דערפאהרען, ווי שפיגעלט זיך אפ דאס לעבען און שטרעבען פונם סאוויעטען-פארבאנד און די דאזיגע יונגע מוחות, וואס זענען נאך נים איבערגעלאסטעט מיט צופיל אלטווארג.

און דער שמועס האט אנגענומען די געוויינלעכסטע ריכטונג, און אנגענומענדיג די דאזיגע ריכטונג האט ער זיך, ווי פון זיך אליין, ווייטער געשפינען. עס האט זיך געפילט א געגענזייטיגע בעדערפעניש אויסצוזאגען פאר יעדען אנגעזאמעלטע איינדרוקען און אנזיכטען פון און וועגען רוסלאנד.

דער ערשטער מיט זיין מיינונג איז ארויסגעקומען אן אומפארטייאישער דייטש, אין די מיטעלע יאהרען, וואס האט זיך שוין דערווארבען, פערווייטערהוט, א שם טוב, א גוטען נאמען, אלס אייגענארטיגער דיכטער און קינסטלער, אלס בעלעטריסט און עסעאיסט:

„איך בין געבוירען אין בערלין, אין א זעהר וואוילהאבענדער, מען קאן זאגען, אין א רייכער, פאמיליע. פון מיינע קינדערישע יאהרען אן בין איך דערצויגען געווארען און א געוויסען גרויסשטאדטישען לוקסוס. איך בין אויפגעוואקסען אזוי צו זאגען און א קולטור-אטמאספערע, מיט אלע איהרע באקוועמליכקייטען און אנגענעהמליכקייטען. איך בין פריהער געווען איבערצייגט, אז נאר און אזא אטמאספערע איז מיר מעגליך צו שאפען מיינע ווערק.

עס איז אבער געקומען א טאג, פאר מיר אליין אומדערווארטעט און אומגעארטעט, ווען מיר איז אליין אויף איינמאל עקעלדיג און אומדערטרעגליך געווארען, און מיין געזעלשאפט, און וועלכער איך האב פערקערט, אי מיין בעקוועמליכער לעבענס-שטייגער און אי אפילו מיין אזוי גערופענע שאפונג, מיינע „דערפאלגרייכע שאפונג, מיינע „דערפאלגרייכע“ ווערק.

„א.ז. אזא קערצוויילעלטען גייסטיגען צושטאנד האב איך בעשלאסען צו מאכען א רייזע קיין סאוויעט-רוסלאנד, אום צוצוהערען צום נייעם לעבענס-רוף און לעבענס-בעפעל, צום „קאטעגארישען אימפעראטיוו“ פון דער מענשליכער געזעלשאפט, וואס וואגט צו שאפען נייע באגריפען פון גערעכטיגקייט.

„איך האב בעשלאסען אליין מיטצומאכען און ראטענפערבאנד א געוויסע צייט און נאכדעם צו ענטשיידען מיין וועג א.ז. לעבען.

„מיינע געוועזענע נאענטע פריינט האבען אויסגעלאכט דעם דאזיגען בעשלוס מיינעם. איך האב אבער אויפגעהערט צו רעכנען זיך מיט די מיינונגען פון מיין געוועזענער סביבה. מיר איז איצט אליין איינס צו לויבען זיי אדער זיי טאדלען מיך.

„קורץ, איך געפין זיך שוין מעהר ווי א יאהר און סאוויעט-רוסלאנד. די לעצטע חדשים נאר און מאסקווע. און דער צווישען צייט האב איך זיך אויך אויסגעלערנט אביסל די רוסישע שפראך. די, וואס קומען און א פרעמד לאנד אום צו שטודירען זי און מען פערשטעהט נישט דעם לשון פון איהרע איינוואוינער, זעהט מען נאר דאס לאנד, אבער מען הערט עס נישט. די, וואס זעהען רוסלאנד, אבער הערען נים איהר לשון, מאכען זיך פאלשע פארשטעלונגען אויך פון דעם, וואס זיי זעהען מיט זייערע אויגען.

„איר פרעגט מיך, ווי איך האב די ערשטע צייט זיך געפילט און מאסקווע? דעם אמת זאגענדיג האב איך די ערשטע צייט נים אזוי גוט געפילט און דעם דאזיגען נייעם וועלט-צענטער. עס האט גענומען א ביסעל צייט ביז איך האב זיך אפגעוואוינט איינגאנצען פון די קליינע שפיסבירגערלעכע באקוועמליכקייטען, מיט וועלכע די מערב-אייראפעאישע קולטור רינגלט ארום אונזער טאג-טעגליכען לעבען. דער איבערגאנג פונם בערלינער לעבענס-שטייגער אויף דעם פון מאסקווע איז נישט אזוי לייכט פאר יעדען. איך האב זיך אבער איינגעלעבט אין די היגע פארהעלטענישען און פיל זיך [illegible] זעהר צופרידען.

„רוסלאנד און איר א.צ. צוזאמען צושטאנד און אזוי אונזער אויסערגעוועהנליכע אנשטרענגונגען צו דערגרייכען דאס, וואס זי האט אזוי פיל פערזאמט — די רוסלאנד און איצט די בעסטע שול, וואו אזעלכע פערצווייפעלטע מענשען ווי איך און מיין גלייכען, די אזוי גערופענע „גייסטיגע אייראפעער“, קאנען און מוזען לערנען די גרויסע לעבענס-קונסט צו בעשרענקען די טעגליכע בעדערפענישען ביז מינימום, ווען עס האנדעלט זיך אום צו דערגרייכען א שטופע העכער, וואס פירט צו דער לעזונג פון וועלט-פראבלעמען.

„נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס עס פעהלען דא א'ע בעקוועמליכקייטען און דעם טעגליכען לעבען, געפין איך דא, אזדאס לעבען און מאסקווע איז נישט נאר פיל אינטענסיווער, נאר אויך פיל אינטערעסאנטער, ווי און אנדערע וועלט- און קולטור-צענטערן.

„ווען אפילו קיין זאך איז דא אפשר נישט זיכער און בעשטימט, איז אבער אין זאך געוויס זיכער און בעשטימט, אז דא, און ראטענפערבאנד, קומט פאר עטוואס פון זעהר גרויסען בעדייט פאר דער גאנצער מענשהייט. אין אייראפע פעהלט מוט, פעהלט גלויבען און שוואונג צו שאפען עטוואס ווירקליך נייעס. און אייראפע הערשט א פורכטבארע מידקייט דא איז אבער אנ'אומאויסשעפליכער קוואל פון פרישע מענשליכע כחות“.

—:0:—

פון דער סדרה

פערל פון אלטען אוצר

געזאמעלט — פון פ. ז. גליקסמאן

ואלה המשפטים

די אותיות פונם ווארט „המשפטים“ זענען ראשי תבות: „חדיין מצוה שיעלה פשרה טרם יעשה משפט“, ד. ה. אז דער דיין זאל זאגען די בעלי-דינגים, וועלכע קומען צו איהם האלטען א דין תורה, זיי זאלען מאכען צווישען זיך א פשרה. איידער ער גיט ארויס א פסק לויט א ריינעם דין תורה.

(בעל הטורים).

* * *

אלה תשים לפניהם

דעם מענש דאכט זיך, אז ער איז א מענש, נאך דער איבערשטער האט איהם געשאפען טון מצות, אבער באמת איז ער נישט קיין מענש אהן די מצוות, דאס איז דער עיקר פונם מענש און זיין התחלה. דאס איז די כונה פון „אשר תשים לפניהם“, די משפטים, די מצוות, זענען פריהער פון זיי.

(רבי ר' בונם)

* * *

ובשביעית יצא לחפשי חנם

פארוואס שרייבט די תורה „חנם“, אומזיסט? וואו האט דען א קנעכט געלד צו בעצאהלען, און פארוואס זאל ער בעצאהלען? דער תירוץ איז, אז אין די 6 יאהר פון זיין קנעכטשאפט איז דאך דער קנעכט מסתמא נישט אייביג געווען געזונד, אמאל האט ער געהאט די גריפע און האט עטליכע טעג נישט געארבייט, קאן דאך דער בעל-הבית האבען א טענה, אז דער קנעכט זאל איהם בעצאהלען פאר אזוי פיל טעג, וויפיל ער האט ביי איהם געקרענקט. אט דאס בעווארענט די תורה מיט דעם ווארט „חנם“ אז דער קנעכט זאל ארויסגיין פריי, אומזיסט, און פאר די טעג, וואס ער האט געקרענקט, ברויכט ער נישט צו בעצאהלען געלד, אדער אפצוארבייטען. דערפון זעהט אויס, אז פריהער זענען די בעלי-הדינים נישט געווען אזוי מילד געגען זייערע קנעכט.

(געהערט)

* * *

ורפא ירפא.

די גמרא ווארפט א שרעקליך ווארט קעגען די דאקטוירים: „טוב שברופאים לגיהנם“ (קידושין) פב) דער בערימטער פיעטריקאווער דאקטאר ר' חיים דוד בערנארד. וואס איז גלייכצייטיג געווען א רבי, האט געזאגט, אז דער דאקטאר, וואס רעדט זיך איין, אז ער גיט די גאנצע רפואה, נישט דער איבערשטער. אזוי אז ער מאכט נאר אין דער „שמונה עשרה“ 17 ברכות, וויפיל ס'בעטראגט „טוב“, און די ברכה „רופא חולים“ ווארפט ער ארויס, אט דער דאקטאר איז לגיהנם.

ס'זעהט אבער אויס, אז די גמרא האט דאס נאר געזאגט וועגען די רופאים פון יענער צייט, וואס זענען געווען „רופא אליל“, קוואקזאלבער, זיי האבען נישט געצייכענט די געהעריגע בילדונג, זענען נישט געווען קיין רעכטיגע מומחים, קיין באמטעגער, און אפשר האבען זיי אויף זיך צופיל געשטעלט. אבער דער מאמר קאן נישט אנגעווענדעט ווערען אויף די היינטיגע רופאים.

* * *

וכי יזיד איש על רעהו להרגו בערמה מעם מזבחו תקחנו למות.

דער ארי' הקדוש ברענגט אין זיין סידור א קבלה פון אליהו ז"ל, אז ס'איז א סגולה מבטל צו זיין א מחשבה זרה, א שלעכטען געדאנק, צו זאגען דעם פסוק: „אש תמיד תוקד על המזבח“. אזוי איז מעגליך צו ערקלערען דעם דערמאנטען פסוק: והי יזיד איש. ווען דער יצר הרע וועט זיך דערדרייסטען, על רעהו, אויף דעם יצר טוב, וועלכע זענען ביידע צוזאמען אינ'ם הארץ פון מענש, להרגו בערמה, איהם צו הרג'ענען מיט א מחשבת ערמה, א שלעכטען געדאנק, דעמאלט „מעם מזבחו תקחנו למות“, דעמאלט איז א סגולה צו זאגען דעם פסוק: אש תמיד תוקד על המזבח.

(דער קאזשניצער מגיד).

* * *

לא תהיה לו כנושה. אז דו וועסט געבען דעם ארימאן א הלואה, זאלסטו זיך נישט הויך האלטען קעגען איהם, ווייל דו בזרגסט איהם דעם איבערש-

(ענדע-זייט 11)

מײַן ערשטע בעקאנטשאפט מיט שלום עליכמ'ס ווערק

א בר-מצוה-בחור'ל, וואס שלינגט העברעאישע ביבליאטעקען. — שמר'ס ראמאנען און דער „מענשען-פרעסער" אין עטליבע און צוואנציג טייל. — די ירושה, וואס אנ'אלטער מלאך האט בעהאלטען פאר זײַנע קינדער. — שלום עליכמ'ס „יודישע ביבליאטעק"

פון י. ד. בערקאוויטש

איידער איך הויב אן צו פערשרייבען מײַנע ערשטע בעגעגענישען מיט שלום-עליכמ'ען, ווילט זיך מיר דערציילען עפּעס, וואס האט, אומגעמליך, צו טאן מעהר מיט מיר אליין; עס האט אבער אויך א שייכות מיט מײַנע שפּעטערדיגע בעציהונגען צו שלום-עליכמ'ען און וועט ווארפען א געוויסען שײַן אויף דעם כאראקטער פון די ווײַטערדיגע דערציילונגען.

געווען איז דאס אין דער צײַט, ווען איך האב נאך רעכט נישט געוואוסט וואס עס בעטײַט דאס ווארט „ליטעראטור", כאטש ביכער האב איך שוין געהאט אי-בערגעלייענט א וועלט. צום מײַנסטען — העברעאישע ביכער, השכלה-ספרים, אדער, ווי מען האט זיי דעמאלט גערו-פען אין מײַן קרײַז, „טריף-פסול'ען".

איך בין געווען א בר-מצוה-בחור'ל, געלערנט אין מײַן אייגענער שטאט אין א ישיבה, געשמאכט איבער גמרא מיט תוספות און מהרש"א. האט זיך מיר, אין מײַן הונגער נאך א לעבעדיגען ווארט, פערשמעקט דער שארפער ריח פון די אפּיקורסישע ספרים — בין איך צו זיי צוגעפאלען, ווי צו א נײַ-ענטפּלעקטער וועלט, געשלונגען א ביכעל נאך א ביכעל, פריהער אויסגעלייענט אלצדינג, וואס איך האב געפונען ערגעץ בײַ אנ'ארומען מוכר-ספרים'ניק און א קלער. דערנאך ארײַנגעכאפּט צו לאמדישערען בוכהענדלער און גיך פערטיג געווארען מיט זײַנע עטליכע פאלוצעם ביכער — ביז איך האב מיך ענדליך דערשלאגען צו ווע-רען א „פּאדפּיסטשיק" אין דער יודישער „ביבליאטעקע" פון מײַן שטאט אין יע-נע טעג. דער בעל-הבית פון דער „ביב-ליאטעק" איז געווען אנ'אלטער יוד א מלמד, א זעלטענער עקזעמפּלאר, א קליינגעוואוקסענער, מיט א גרויסער גע-רונדעטער ווארצעלדיגער בארד און מיט שארפע טונקעלע ברילען אונטער גע-דיכטע שטעכיגע ברעמען, א פרומער בײַ נאר און א משכיל בײַ גאר, אליין געקנעלט מיט א גרויסען חדר און די ערשטע קלאסיקער פון די חובבי ציון. פון זײַן אפּגעזונדערטען שלאף-שטיבעל, וואו ס'איז געשטאנען דער גרויסער אל-מער מיט העברעאישע ביכער, האט געשלאגען מיט טיפער מיסטעריעזער שטילקײַט פון א שאצקאמער, וואו עס ווערען אפּגעהיט די טײַערסטע אוצרות פון דער וועלט, און ער אליין, דער קליי-נער בארדיגער יוד, מיט'ן בינטעל שליס-לען אונטער דער לאנגער צויכטיגער קא-פּאטע, האט מיר ארויסגעוויזען, ווי דער שטרענגער און מיסטעריעזער וואכמײַ-סטער, וואס פיהרט מיך יעדען טאג גע-ניסען דאס פערבארגענע ליכט פון יענע אנטיקען.

געלייענט די ביכלעך אין דער ישיבה האב איך, פערשטייט זיך, בגנבה. אוי-בען, אויפ'ן שטענדער, איז געווען אפען די גמרא, און אונטען, אינם פינסטערען שאפּקעלע פון דעם שטענדער, איז גע-ווען אפען סמאלענסקין'ס „התועה בדרכי החיים" (דער פערבלאנדזשעטער אויף די וועגען פונם לעבען" — א בערימטער השכלה-ראמאן), אדער ברוידעס'עס א „הדת והחיים" („רעליגיע און לעבען" — אויך א ראמאן פון די השכלה-טעג). פון אונטען צו אויבען האבען זיך גע-צויגען בערטא-יטמע געפעהרליכע פײַער-לעך, וואס האבען געדראהט פערוואנ-דעלט צו ווערען אין א שרפה און פער-נוכטען אלצדינג... ווען דער ראש-הישי-בה זאל דאס געווען בעמערקען! ער האט דאס אבער נישט בעמערקט. איך בין בײַ איהם געווען איינער פון די שטילסטע תלמידים — ווי אזוי האט ער מיך נאר געקענט חושד זײַן אין אזא שרעקליכער זאך? מײַנע חברים האבען יא געוואוסט דערפון. זיי האבען מיך אבער נישט ארויסגעגעבען. ווײַל זיי אליין האבען געטאן נאך ערגערע זאכען: זיי האבען געשפּילט אין קארטען, נישט אין אמת'ע קארטען, נאר אין „למד-אלף-געמעלעך". געשפּילט האבען זיי אבער ווי עכטע קארטענשפּילער — אויף געלט.

אין דער ישיבה פלעג איך נאר מאכען די התחלה פון יעדען בוך; דער עיקר לייענען איז בײַ מיר געווען אין דער היים, בײַנאכט. איך פלעג מיך נישט לייגען שלאפען, איידער איך האב דורכ-געלייענט דאס געגעבענע בוך ביז'ן סוף. מײַן מאמע איז אזוי געווארען א גרויסע בעל-הוצאה אויף קעראסין („גאזע" האט מען דאס בײַ אונז גערופען). זי איז אבער געווען צופרידען, וואס איהר זוהן איז אזא מתמיד — ער זיצט איבער ספרים ביז האלבער נאכט. נישט אזוי גאנץ צופרידען איז געווען מײַן אל-טער ביבליאטעקאר. פון איין זײַט האט ער מיך טאקע געלויבט, וואס איך בין אזא פלײַסיגער לייענער; פון דער צווײַ-טער זײַט האט ער זיך אבער ארומגע-זעהן, אז פאר צוואנציג קאפּיקעס א חודש לייען איך בײַ איהם אויס כמעט דרײַסיג ביכער. „בין הזמנים", פּסח-צײַט און סוכות-צײַט, בעת די תלמידים זענען פרײַ פון דער ישיבה, פלעג איך קומען בײַטען דאס בוך צוויי מאל א טאג...

— דו וועסט דאך מיך בדלות שטע-לען! — פלעגט ער זאגען, קוקען אויף מיר בשעת מעשה דורך די שטרענגע טונקעלע ברילען און שאקלען מיט דער געדיכטער בארד. איך האב נישט רעכט פערשטאנען, צי דאס ווערטעלט ער זיך אויף מײַן חשבון, אדער ער איז טאקע אויף מיר פּשוט אין כעס, וואס איך דע-קוטשע איהם אזוי.

דערווײַל זענען די נישט-געלייענטע ביכער געווארען אלץ ווייניגער און ווײ-ניגער, און אויפ'ן הארצען איז מיר גע-ווארען אלץ שווערער און שווערער. וואס וועל איך טון, אז איך וועל אויסלייענען אלע ביכער ביז איינעם? וואוהין וועל איך מיך דעמאלט ווענדען? פּוסט וועט מיר ווערען מײַן יונגע אײַנזאמע וועלט... און אָט האט דאס אומגליק שוין גענומען קוקען צו מיר גאר נאהענט. די ראמא-נען און דערציילונגען האב איך שוין גע-האט אלע איבערגעלייענט. איך האב אויך דורכגעלייענט אלע דיקע זאמעלבי-כער, די הארבע ביכער פון היסטאריע, געאגראפיע, פון חסידיש-מתנגדישער פּאלעמיק, חיים זעליג סלאנימסקי'ס אס-טראנאמיע. בערנשטיין'ס „ידיעות הטבע" (נאטור-וויסענשאפט). סמאלענסקין'ס רא-מאנען האב איך שוין געהאט איבערגע-חזר'ט דרײַ און פיר מאל... וואס טוט מען ווײַטער?

— דו וועסט הײַנט מוזען געהן אהיים מיט גארנישט! — זאגט צו מיר איינ-מאל מײַן אלטער ביבליאטעקאר. קוקט שארף מיט די טונקעלע ברילען און מיט דער געדיכטער בארד איבער די פאלוצעס פון דעם אפענעם אלמער און געפינט פאר מיר מעהר קיין טרייסט נישט.

עס האט זיך מיר אפּגעריסען אין האר-צען. געהן ארויס אהן א בוך — דאס האט געהייסען פאר מיר: אפּשטעלען דעם גאנג פון מײַן לעבען, פערלירען אלצדינג, בלײַבען הענגען איבער א ווײַ-טען אפּגרונט... איך האב מיך נישט גע-קאנט רוהרען פונ'ם ארט.

— שא! — זאגט צו מיר פּלוצים דער ביבליאטעקער און זײַנע טונ-קעלע ברילען גיבען א בליץ פאר מיר א שטראהל פון האפנונג. — אפשר ביזטו א בעלן צו לייענען זשארגאן?

„זשארגאן", האב איך געוואוסט, איז א מעהר געהויבענער „געבילדעטער" נאמען פאר פּראסט יודיש, פאר עברי-טײַטש, וואס ווײַבער און מיידלעך לייע-נען דאס, אז א גמרא-בחור'ל, ווי איך, וואס האט זיך שוין אנגעשמעקט מיט די פײַנע געריכטען פון דער השכלה, זאל זיך אראפּלאזען פון דער הויך-פליהענדיגער העברעאישער מליצה צו דער פּראסטער שפּראך פון תחינות — אזא אויסגאנג פון מײַן שווערער לאגע איז מיר עפּעס נישט געווען שטארק צום הארצען. ווײַבאלד אבער מײַן אל-טער ליטעראַרישער וועגווייזער רופט עס אן בפירוש מיט'ן געהויבענעם נאמען „זשארגאן", ליגט מסתמא דערינען א בעזונדער טעם, און מען דארף עס פער-זוכען. בין איך ארויס מיט'ן אלטען פון זײַן אפּגעזונדערטער העברעאישער שאץ-קאמער און ארײַן אין פירהויז פון זײַן שטוב, דארט וואו ער האט געהאלטען אין שאפען אנ'אלמער מיט „זשארגאן"-ביכלעך, און האב גענומען אנ'אנהויב מיט'ן ערשטען בעסטען ראמאן פון שמר'ען.

איך האב געוואוסט, אז ס'איז פאר מיר א גרויסע ירידה, און פונדעסטוועגען האב איך מיך צוגעכאפּט צו שמר'ס ראמאנען מיט א פרישען הונגער און האב זיי געשלונגען איינעם נאכ'ן אנדערן. אין דער ישיבה אבער האב איך מיט זיי מיך נישט בעוויזען — עס וואלט געווען א חרפּה פאר מײַנע חברים, וואס כאטש זיי האבען געזונט געשפּילט אין די פינסטערע שאפּקעלעך פון די שטענ-דערס דאס „למד-אלף-שפּיל", האבען א סך פון זיי יעדען דאנערשטאג ארויסגע-וויזען חריפות און אויסגעשטעלט א שאר-פען מהרש"א, צי א „פּני-יהושע". וואס פאר א פּנים וואלט איך בײַ זיי געהאט אקעגען דעם „פני יהושע" מיט מײַנע ווײַבערישע תחינות?... האב איך שמר'ס ראמאנען געלייענט בעהאלטערהייט אין דער היים, אין די שפּעטע שעה'ן פונם אוונט. נאר אויך אין דער היים האב איך געהאט מיט זיי גענוג צרות. מען האט זיך דארט געכאפּט, אז די „ספרים", איבער וועלכע איך זיץ גאנצע נעכט, זענען גאר קיין ספרים נישט, נאר עפּעס פּוסטע מעשיות אויף עברי-טײַטש, וואס דינסטמיידלעך לייענען דאס — סמײַטש, אויף אָט-דאס ברען איך דאס אויס אזוי פיל „גאזע"? און ווי פּאסט זיך עס גאר פאר א ישיבה-בחור'ל, וואס מען לייגט אויף איהם האפנונגען, ער זאל, מיט גאט'ס הילף, אפשר ווערען אמאל א רב, צו פערנעמען זיך מיט אזעלכע ווילדע נארישקייטען? וואס פאר א תכלית איז דאס?...

איך אליין האב אויך געהאט ווייניג נחת פון שמר'ס ראמאנען. איך האב

(ענדע זייט 11)

קאליקעס אויף גאסען-ראגען?

פראגמענט פון בוך: „אינדרויסען"

פון ש. בערלינסקי

מיר ברענגען דא א פראגמענט פון יונגען לאדזער שרײַבער ש. בער-לינסקי, ארויסגענומען פון זײַן בוך „אינדרויסען", וואס איז ער-שינען אין פערלאג „קולטור-ליגע". בעת שלום אש איז הײַנטיגע וואך געווען אין לאדז, האט ער זיך שטארק פעראינטערעסירט מיט ש. בערלינסקי'ן און, זײַענדיג אויף א בעזוך אין דער רעדאקציע פון „לאד-זער טאגעבלאט", איהם שטארק געלויבט. בײַ בערלינסקי'ן — האט אונז דער גרויסער דיכטער געזאגט — זעה איך א געזונטען קערן, און ער האט אנ'אויג פאר לעבענס-ערשײַנונגען, וואס איז דאך בײַ א דיכטער איינע פון די גרעסטע מעלות, הגם ער פערבלײַבט זיך א סך מאל אין צופיל פּרטים. אין גיכען ערשײַנט א צווייט בוך פון יונגען אויטאר אין איבערגעדערמאנ-טען פערלאג.

די רעד.

נאך די נעפלען האט זיך די ערד ווײַ-טער פאר'ן הימעל צעבלאנקט — ווײַ-טער. מתחילת בלומרשט גארנישט, א שטיפערישער שפּיל.

און דער פרוה, אויפ'ן ערשטען קוש, א שטרוי, וואס ליגט אזוי אונטענט ווענג — איז פלוצלינג ווײַס און מיט אזעלכע צײַפּ-קעס, ווי אויסגעשטריקטע פון ווײַסער וואלינשקע. און אָט א צווײַגעל, א ברילעל, די דראטען, וואס ציהען זיך איבער די טעלעגראף-סלופּעס — אלין און איבער-געשטריקט און הנדעלט, ווי עס וואלט געווען די ארבײַט פון א געראטענע כלה-מיידעל. די לופט איז א לויטערע און אזוי דערפרישענדיג, ווי דאס אייגענע כלה-מיידעל וואלט ארײַנגעשטייבעלט און איהר:

— יא, איך האב דאס וועלטעל שיין אויסגעפּוצט?

דערנאך איז א בייזער ווינטער געווא-רען מיט צאפּענס אײַז, ווי די שפּיזען. האט ער מאכען אזא מורא אנגעיאגט. ווינטער, ווײַטער, פרירט, צוויקט אן דהמנות און אזוי קונציג, נישט צו דער-זעהן מיט'ן אויג. און וועהרען קען מען זיך נישט, נישטא מיט וואס. און אז דער פראסט האט געקאוועט טיר-און-פענסטער, געה'התמעט מיט זײַן ווײַסען זיגעל, אז די און דער שטוב מיט איה-רע פאר נפשות זענען אין זײַן רשות, האט מען פלוצלינג פערבארגענע ווי-נקעלעך, וואו שטענדיג האט א התבודדות-דיקער שאטען געגעסט, און דער פרײַ דערזעהן. צעפלויגט זענען געווארען הויל-צערנע פּלויטען, די שטילע אין זיך פער-טראכטע ערטער — א בפרהסיהדיגע זאך די פלאמען האבען געגעך די פּלויטען פון כמה יאהרען געשלינגען. דער פראסט פרעגט אויפוויל ווײַבער ווערן, בלוטדורשט נאכגעבויגענע און ווײַטעך געשיפט זײַנע נישט-געזעהענע פּײַלען. האט מען גע-פּליקט, וואס עס איז נאר אונטער דער האנט געקומען, און די וועלט אזוי ארומגעריסען געווארען, נישט מאראהאן קען שטילע בעשיידענע ווינקלען, אלין איז הפקר, אפען, און — טרעט מיט די פיס.

און דאך האבען די, וועלכע האבען זיך אין די שטובער געבאבעלט, געיאגט מיט'ן ווארימען אטעם דעם פראסט פון הינטער די נעגעל און געבענקט נאך א רויט פלעמעל, וואס זאל פּאטשען דעם בײַזען ווינטער איבער זײַן אנגעכמארעט פּנים. נישט מתרעם געווען. ליגט דאך א גאנצע וועלט אינדרויסען, וואס קײַלעט זיך, טריפט און בלוט און אזא ווײַטער מיט זײַן איבער-בכקעל לאזט זיך גלײַך צום רויטען פלײַש און נאגט, נאגט...

אונטער די גאסען פון שטאט האט זיך גלײַך דערזעהן, וואס די שלאכט האט גע-געבען: באנדאזשירטע הענט, פיס, מויל די גאנצע קעפּ מיט ווײַסער גאזע פער-בונדען און פון די דאזיגע קעפּ האבען צוויי צעשראקענע אויגען ארויסגע-פונקעלט. האבען זיי אין דעם פראסטי-גען אויר ארומגערוצט, ווי די נישט-גוטע מחמת די שפּיטאל-געבוירענס זענען אי-בערפולט געווען מיט געשבערטע בײַ-כער, צעשמעטערטע שארבענס און סתם אזוי ארומגעשטאפּטע פון די שמאל-פעדיגע, שטענדיג בעוועגליכע הענט און פיס.

ארום די לײַכטער צעשאבענע, וואס דאפען זיך אין גאסען-ראגען געהאלטען אין קליינע גרופּקעס, האט זיך דער האנ-דעל פריש צעפלאקערט.

זענען ארומגעלאפען ווײַבער, אנגע-פעלצטע מיט דיקע דעקען איבער די קעפּ, וואס נאר די אויגען מיט רויטע אויס-געווייטע נעז זענען אפען געבליבען, און האבען שנוילענדיג געשריגען:

„— הייסע מילך, קאכעדיגע, הייסע מילך!"

און פאר יעדען זעלנער'ס אויג א פיר-געטין פון הינטער דער פּאטשיילע א צוגעבראפּטע פלאש:

אין די ווײַסע מילך, וואס האט אזוי ווי לעבנמאל גארנישט דורכגעקוקט דורך די פלאשען און דערמאנט אין שטילע מנוחה'דיגע פרײַטיקען, האט שטארק געצויגען דעם עולם, אנגעווארעמט קודם די הענט, מויל האבען מיט א בעזונדערע ליבליכקייט מיט דער ווארימער פלאש'ס דאס פּנים געגלעט און די גאנצע גרופּע האט ווי אונטער א קאמאנדע אויף איינמאל גענומען זופּען. איינער נאך, א יונגער דײַטש מיט א בלאנד-פּער וואקסען פּנים, האט נישט געטרונקען, געקוקט מיט בלויע ווינציגע אויגען צו די קאמעראדען, וואס די קעפּ זײַערע זע-נען פערווארפען אויף א הינטער און פון די אויסגעצויגענע שטײַפע פלעשער גיסט זיך די מילך אין מויל ארײַן.

אז זיי האבען געהאט אויסגעליידיגט די פלעשער, גענומען פערבײַסען און זיך ארומגעקוקט מיט געוויסענע פּנים'ער, האט דער בלאנדער דײַטש פערשעמט די אויגען אראפּגעלאזט און אויסגעמוטערט צו קוקען אויף בײַדע באנדאזשירטע הענט, וואס זענען געהאנגען אין די ברייטע, ווײַסע בענדער.

פון דערמיט דערדעל האט א צווייטער מיט א פערבונדענעם פיס אנגעהויבען צוהינקען צו איהם. אנשטאפּענדיג אי-בער, ווען די פײַפקע מיט טאבאק, האט ער איהם געפרעגט:

— נו, קארל, פארוואס טרינקסטו נים?

דער בלאנדער דײַטש האט איהם נישט געענטפערט, נישט געקוקט אפילו אין זײַן זײַט. נאר מיט דער אונטערשטער ליפּ האט ער שטום א צוק-געטאן, אז אי-בער'ן גאנצען פּנים האט זיך צולייגט א ברחמישע אומבעהאלפענקייט.

דער הינקעגדיגער מיט א בקאנר קוי-לעבדיג בערדעל האט זיך דרוכגע צע-לאכט. נאכדעם ווי ער האט ארויסגע-לאזט א פּאר קײַקעלעך רויך פון דער ליולקע, האט ער א געשריי געטאן צו איינער פון די ווײַבער נאך א פלאש מילך

— אונצט טרינקסטו בײַ מיר, — דאס ער פּאמעליך אײַנגעקירעוועט דעם גע-בונדענעם פיס, כדי די פלאש זאל גלײַך אי סקומען צו יענעמס מויל און גע-זאגט האט ער עס מיט א טאן, ווי מען זאגט צו א קינד, וואס וויל די „מאמ-קע" אין מויל נישט נעמען.

דער בלאנדער דײַטש [illegible] און גענומען טרינקען. און וואס ווייניגער מילך ס'איז אין פלאש געבליבען, אלץ מעהר האט ער פון איין זײַט אויסגעכרומט דעם פערוויקעלטען פיס, און דער צווייטער, מיט די געבונדענע הענט אויפ'ן גלײַכען גוף, ווי א גולם. האט דעם קאפּ אויסגעצויגען אויף אהינטער, ביז — דאס לעצטע קאנטיגע מיצעל איז פון זײַן קאפּ אראפּגעפאלען און בײַם ערשטען בעוועג האט דער אנדערער אַר'ן כנעלאזט די פלאש פון דער האנט און איז אומגעפאלען.

דער עולם ארום האט זיך שטארק צעלאכט.

נאך יעדען בליק צום געפאלענעם, וואס איז געלעגען, ווי א קלאץ און די פּיסק און זײַן מויל האט זיך אהן זײַן ווילען אזוי אליין געדרויכערט, מחמת דעם שווערען סאפּען זײַנעם, האט זיך דאס געלעכטער אזוי פערשטארקט, מחמת דעם שווערען סאפּען זײַנעם, האט זיך דאס געלעכטער אזוי פערשטארקט, אז יעדער האט זיך אנגעהויבען כרומען און קארטשען אויף זײַן געבינדענעם ארט און ארויסגעלאזט דערשטיקטע קולות, ווי עמעצער, וואס ווערגט זיך.

דער שרײַבער, וואס האט אפּגעבראכט דעם אטעם, האט געשריגען:

— קארל איז פולופּ, אזהר ועוד הא-פּים, קאפּוט.

אין דער גאנצער עולם האט, ווײַגע-דיג און פערדרייענדיג זיך מיט מינדיגע יעיית אויף אלע זײַטען מיט די צעוואוקסטע אברים, נאכגע-שריגען:

— קאפּוט קאפּוט!

די גאנצע כלאסטרע קאליקעס האט זיך געלאזט צום געפאלענעם פולופּ, איהם אפּי ערג ארויבען.

אויפ'ן עק יונג האט זיך בעוויזען א צווייטע גרופּע פערבונדענע, וואס דא-כען זיך פון דער ראסטיגער ווײַנהויז ארויסגעפּילבערט און וואס אמאל דינט-לעכער זיך געציהונגט צו דער שטאט.

ציפּמענדיג האבען זיי נאך געטראגען א ביהוד-האט, ווי אויסטערלישע פער-זעהעניגען, מיט אנ'אקסעל, מיט בויך, מיט איין האנט, מיט א פיס, געשמויסען און צעשלעפּט דעם געפאלענעם פון אלע זײַטען און נאך פערשידענע ווימטאגלי-ליכע גרימאסען. און פולופּ'ען זעלטונען זיך צו שטעלען אויפ'ן געזונטען פיס.

דעם געבונדענעם האט ער ביזם צער געקראמשעט און געווארען איהם הוני-אויצוריק, ווי א פרעמדע צוגעשטעפּטע מע זאך

ס'מאכאל, אז אלע בליקען זענען גע-ווענדען געווען צו פולופּ'ן, וואס איז גע-שטאנען ווי א כ'עבאנויש אנגעשמעט, נאך האט די פּיקסע און מויל, ווי ס'האט סתם אזוי נאך געשמעקט, אנגעהויבען זיך צו טרייסלען און די צעמערינדיגע לאפּעס און ער האט געזשאמישעט אינ-מען דער נעזר:

— קארל, קום אהער. דער פוס ווײַ-טאגט, איך וועל צוגעהן און שטיפּצעל.

די ארומיגע האבען שטארק אונטער-געלאכט דאס ווארט „שטיפּצעל", ווי דאס איינציגע מקום-מקלט פון ווער-ווען ג, דער חוצפּה פון פראסט, דאס נעמט זיך ארומשפּילען אויף די רויט מאונדען, ווי בײַם שפּילען.

ס'האט זיך אנגעהויבען א שושקעריי, א פערשטוקט כאכלען פון פערבונדענע מײַלער און א בעוועגונג צו גיין.

קארל איז די גאנצע צײַט געשטאנען מיט'ן ענטבלויזטען צעשויבערטען קאפּ. איבערגעבערונג זײַן בליק אונס לעבטען קאנטיגען מיצעל, וואס איז געלעגען נעבען זײַנע פיס, האט ער קיין ריר זיך נישט געטאן אויף פולופּ'ס רוף. ערשט איינע פון די מילך-הענדלערינס האט עס בעמערקט, איז זי צו, ארויפגעלייגט איהם דאס היטעל אויפ'ן קאפּ און בשעת מעשה צוגעזאגט:

— געבעך, דער האר קען נישט אליין.

ווי עפּעס וואלט געגלויערט אין איהם, האט קארל קיין ריר נישט געטאן מיט אנ'אויג. שטײַף מיט'ן קנויערדער אויפ'ן קאפּ האט ער זיך שטום אונטערגערוקט צו פולופּס אויסגעשטרעקטער האנט און ס'האט זיך אנגעהויבען דער מארש.

פאראויס איז געגאנגען פולופּ, וואס האט געהאפּסעלט אויף איין פיס, מיט דעם אנדערען ווײַס-פערבאנדאזשירטען פיס געווארפען ווי אנ'אומרוה, די הענט פערדלייגט אויף קארל'ס אקסעל; און קארל האט מיט זײַן גלײַכען און הויכען גוף מיט די ארונטערגעבונדענע הענט פון הינטען געענדערעלט צו א דיקער קוליע, וואס האט זיך נישט בעקוועם נאכגע-רוקט אונטער פולופּס ארעם.

הינטער זיי — א גאנצע מחנה הינקענ-דיגע, זיך בײַגענדיגע און אלע זײַטען.

צוויי, וואס זענען געגאנגען און שטיצט און האבען געלאפּט אויף נישט די זעלבע פיס, האבען בײַ יעדען טראט זיך צע-ווארפען — איינער אויף רעכטס, דער צווייטער — לינקס, רעכטס-לינקס, אין דאס גאנצע קרענצעל, קרומענדיג זיך און אלע זײַטען, ווי א פעלד מיט זאנגען אויפ'ן ווינט.

ארום און ארום מיט די פערבינדיגע ווײַסע באנדאזשען, מיט די צעלאזערטע זעלנערישע שינעלען, וואס זענען געהאנ-גען, אויף די צעמזיקטע גופים — דא-כען זיי אויף דעם ווײַס-שניי-אויקען וועג אויסגעזעהן ווי לצים וואלטען ארויס אין דעם קלארען פראסטיגען אויר, כדי אפּצוהוזיק'ן פון די גלײַכע זעלנערישע אויסגעמוישטורטע רייהען, וואס זענען דא אזוי רעלדיש פערבײַ מיט הולכים-געזאנגען און האבען אנגעווארפען אזוי פיל אימה אויף דער וועלט.

א פערל פון מזרח

וועגען „כלילה ודימנה", פון א אינדישען אר-יענטאלישען פילאזאף. וואס ווערט פערגליכען מיט די מעשה'ס פון „טויזענט און איין נאכט"

פון ש. ראזענפעלד

צו די וויכטיגע קלאסישע ווערק, וואס זענען געשאפען געווארען ווײַט אין מי-טען אלטערטום, און האבען נישט אויפ-געהערט צו בעאײַנפלוסען אויך די נײַעס-טע צײַט; וואס זענען געשאפען געווא-רען אין מזרח און האבען געהאט א גרויסע השפּעה — דורך פערשידענע ווע-גען — אויף דעם פאלק ס-שאפען אין מערב, געהערט אויך דאס זעלטענע, אבער ווײַט-בערימטע ווערק: „כלילה ודימנה". *)

לויט פארם און סטיל — עכט אריענ-טאליש (מזרח'דיג) ווערט דערום דאס דאזיגע ווערק פערגליכען מיט „טויזענד און איין נאכט". דער זעלבער שטייגער פערוויקעלטע מעשיות (דא — משלים), וואס איינע איז פערהדיעהט אין דער אנ-דערער, „ווי א ראד אין א ראד" און איינע קומט ארויס פון דער אנדערער און אזא גרויסער צאהל, ממש ווי די בערימטע „זעקס הונדערט טויזענד" (ששים רבוא), פון איין בויך געבוירען.

פונדערסטוועגען איז „כלילה ודימנה" גאר נישט גלײַך צו „טויזענד און איין נאכט", וואס דערום בעת די „טויזענד און איין נאכט" זענען פול מיט שדים און מיט רוחות און מיט שלעכטע מלאכים, זענען די דער-צעהלונגען פון „כלילה ודימנה" פול מיט מוסר, מיט עטישע לעהרען און מיט מו-טער לעבענס-קלוגשאפט. דא ווערט אויך בעוויזען, אז „השגחה פּרטית" הערשט איבער דער וועלט, אז די גערעכטיגקייט איז סוף כל סוף מנצח אונגערעכטיגקייט און אז שכר פאר גוטען און שטראף פאר בייזען, גילט אויך אויף דער וועלט.

הײַנט די געניאלע פּשטות, די קלוגע נאאיוויטעט, מיט וועלכער ס'ווערק איז געשריבען — דאס בלײַבט אייביג צו בעוואונדערען. דערפון די אונשטערבליכ-קײַט פון דעם ווערק, „פון אייביג ביז אייביג". און צווייערלײַ איז דאס ווערק געשריבען: „אויסערליך — שפּילערײַען, הומאר און וויץ, און אינערליך — ער-ציהעריש, קולטור און גוטע אויפפיה-רונג". „וועלען די קלוגע קוקען אין תוך ארײַן, וועט זיי זײַן די חכמה פון דעם ווערק און דער מוסר אין איהם — דער עיקר, און די בהמות און ווילדע גע-שפּרעכען בלויז א צוגאב, וועלען זיי דעם קערן אויפעסען, און דאס שאלעכץ אוועקווארפען. און די נאראנים, זיי וועלען בעוואונדערען די געשפּרעכען פון די חיות מיט די עופות; זיי וועלען קוקען נאר אויפ'ן קרוג, אבער נישט דערויף, וואס אין איהם געפינט זיך. און אָט די אלגעמיינע-גילטיגקייט פון'ם ווערק מאכט איהם בערימט „פון עק וועלט ביז עק וועלט".

עס וואלט געווען נייטיג איבערצוגעבען א פּאר מוסטערן פון דעם „מוסר-ספר", כדי דער לעזער זאל זיך קאנען מאכען א בעגריף פון דעם גאנצען. איז עס אבער אונמעגליך, אז צוליב דער פערוויקעלט-קײַט פון דעם אינהאלט אז צוליב דעם, וואס אין ארטיקעל איז צו ווייניג פּלאץ דערפאר. איך האלט עס דערום פאר צוועקמעסיגער צו ברענגען א פּאר משלים פון דעם בוך, מיט דעם מוסר השכל, כדי כאטש אזוי ארום צו בעקענען א בי-סעל דעם לעזער מיט דעם אלטערטימלי-כען קלאסישען ווערק.

„..... און אז איך האב זיך צוגעקוקט צו דער וועלט און צו דעם, וואס עס טוט זיך אויף איהר, און האב געזעהען, אז דער אויסדערוועהלטער פון אלע בעשע-פענישען, דער מענש, וואס איז געשא-פען אין גאט'ס פורעם, איז געגליכען צו איינעם, וואס האט זיך געראטעוועט פון א משוגע'נעם העלפאנד, וואס איז איהם נאכגעלאפען. לויפענדיג, איז דער מענש ארײַנגעפאלען אין א ברונים. פאלענדיג, איז ער געבליבען הענגען אן א פּאר צווייגען, וואס זענען ארויסגעוואקסען אין ברונים ארײַן, און די פיס האט ער גע-זוכט אנצושפּארען אן אנ'אויסשטאריץ, ווי א מין טרעפּעל, אין וואנד פון ברו-נים. פלוצלינג האט ער דערזעהען, ווי פיר גרויסע שלאנגען האבען ארויסגע-שטעקט זייערע קעפּ פון די נארעס, אין די וואנד פון ברונים. און אז ער האט זיך גוט אײַנגעקוקט, האט ער דערזעהען אויפ'ן דעק פון ברונים א שרעקליכען קראקאדיל, מיט אנ'אויפגעריסענעם מויל גרייט איהם אײַנצושלינגען לעבעדיגער-הייט. האט ער אויפגעהויבען די אויגען צו די צווײַגען, אויף וועלכע ער איז גע-האנגען, און האט דערזעהען ווי צוויי גרויסע מײַז, איינע א שווארצע און איינע א ווײַסע, גריזשען-אונטער די ווארצלען

(ענדע זייט 8)

*) ספורי „כלילה ודימנה" מאת בידבה הפלוסוף ההודי תרגמו מערבית בידי אברהם אלמאליח עם מבוא מאת המתרגם' הוצאת „דבר" תל-אביב

מאטעל דראשקאזש, דער „וואליער רב", וואס האט געזעהען אליהו הנביא

א מעשה, מיט וועלכער עס קאכט זיך איצט אין זדונסקא-וואליע

„מאטעל, דער וואליער רב", אזוי רופען איצט די זדונסקא-וואליער יודען מאטלען, דעם דראזשקארזש פון דער דראשקע נומער 15.

פאר וואס רופט מען איהם „וואליער רב"? די מעשה איז זעהר טשעקאווע:

מאטעל ביאלעק (אזוי איז זיין נאמען) איז א זוהן פון א זד. וואליער ארימען טרעגער. די מוטער זיינע איז געווען זעהר א פרוכבארע און יעדעס יאהר האט זי דעם פאטער זייערם צוגעשטעלט א קינד. דער טאטע האט זיך דערום גוט געקענט קיין עצה געבען מיט די נעמען, האט ער זיך געגעבען אן'עצה און האט די נעמען גענומען פון חומש: נח, משה, אהרן, שרה, רבקה, אברהם, יצחק, לאה.

ווען מאטעל, דער בן-זקונים, איז געבוירען געווארען, האט דעם פאטער פערפעהלט א נאמען, און ער איז געפאלען אויף אן'המצאה: היות, ווי יענעם טאג, וואס מאטעל'ס ברית איז פארגעקומען, איז פונקט אין זד. וואליע געשטארבען אן'אנגעזעהענער חסידישער יוד, א געוויסער מאטעל ווינגאט, האט ער איהם א נאמען געגעבען מאטעל.

איז מאטעל אויסגעוואקסען, ווי א ווילד געוויקס. קיין חדר האט ער פאר די אויגען נישט אנגעזעהן, ארומגעבריקעוועט א צעלאזענער איבער די וואליער גאסען. דאס איינציגע, וואס ער האט געקאנט, איז געווען מאכען א „המוציא". צו מען מאכט א המוציא איבער ברויט, צו אלס ברכה ביים ספר, דאס איז איהם נישט אנגעגאנגען.

מאטעל האט געוואוסט, אז ס'זענען דא „געבילדעטע" מענשען, וואס קענען לייענען א בלאט-צייטונג און קענען אליין שרייבען א פוילישען אדרעס. מאטעל האט דערום געהאט גרויס דרך-ארץ פאר די דאזיגע „געבילדעטע". די איינציגע אויפגאבע זיינע אין לעבען איז געווען, ער זאל גרויס ווערען, ער זאל קומען צו אן'איינציגער דראשקע און צו א ווייב א „געבילדעטע", וואס זאל קענען לייענען א בלאט צייטונג און זאל קענען אליין שרייבען א פוילישען אדרעס און מאטעל'ס חלומות זענען טאקע מקוים געווארען: ער איז געקומען צו אן'איינציגער דראשקע און צו א ווייב, וואס לייענט א בלאט צייטונג און שרייבט אליין א פוילישען אדרעס...

איצט איז שוין מאטעל דער בעל-הבית פון אן'איינציגער דראשקע און א חוץ דעם איז ער דער „גאון" פון די „שטארקע", פאר וועלכען ס'ציטערט גאנץ זדונסקא וואליע. אלע „דין תורות", סכסוכים, מחלוקת'ן, ווערען אויסגעגליכען דורך מאטלען. און אזוי איז ער זעהר פארעקט און יושר'דיג. די זד. וואליער חברה-לייט האבען איהם דערפאר געגעבען א נאמען „מאטעל, דער „וואליער רב"...

דער נאמען „וואליער רב" איז אבער געשטארקט געווארען ערשט צוליב א מעשה פון דער לעצטער וואך. א מעשה, מיט וועלכע ס'קאכט איצט גאנץ וואליע:

אין שטעטעל איז אן'אלטער מנהג, אז סנדקאות'ן בעקומט דער רב פון דער שטאט. פערשטייט זיך, אז די סנדקאות'ן נעמט דער רב ביי נגידים, דאגעגען ביי ארימע-לייט ערלויבט דער רב דעם בעל-ברית די מצוה צו פערקויפען צו א נגיד, וואס זאל קענען דעם ארימאן געבען דערפאר א כבוד'ע מטבע.

פערגאנגענע וואך איז ביי אן'ארימען יודישען טרעגער געבוירען געווארען א בן-זכר. לויפט דער ארימער בעל-ברית צום רב און דער רב האט איהם ערלויבט די מצוה צו פערקויפען.

איז דער יוד ארומגעלאפען מבית לבית. פון איין נגיד צום צווייטען, יעדען האט ער פארגעלייגט די „טראנזאקציע". און היות, ווי זד. וואליער יודען זענען איצט אויך אויף גרויסע צרות, מ'קאן זיך נישט ערלייבען אויף קיין לוקסוס, האט זיך ממילא אויך אויף דעם „לוקסוס ארטיקעל" נישט געפונען קיין בעלן.

איז דער טרעגער ארומגעגאנגען א צעטראגענער. עס רוקט זיך אונטער דער זכר, קיין גראשען איז נישטא. פון וואנען נעמט מען אנצוגרייטען א זכר, א ברית?

א פערביטערטער איז ער אריינגעפאלען אין א שענק און מיט טרערען האט ער אראפגערעדט זיך פונם הארצען.

— פעטער! — איז פון א ווינקעל ארויסגעקראכען א ברייט-פלייצעגער באר שוין מיט א בייטש אין דער האנט, — אויב די „יאלדען" וועלען ביי אייך נישט קויפען די מצוה, וועל איך זיין דער קונה. גיט די האנט, פעטער, און זאל ווערען פון „מאסעמאטען". פערשטייט זיך, אז דער „קונה" איז געווען נישט קיין אנדערער, ווי אונזער מאטעל, דער „וואליער רב".

דער בעל-ברית האט נישט לאנג געטראכט און מסכים געווען צו מאטעלס פארשלאג. מ'האט זיך געגעבען די הענט אויף וואס ער האט געשטעלט א שנאפס מיט צובייס אלס „האנד-געלד", און מאטעל האט געקויפט דאס סנדקאות.

נאך דער „טראנזאקציע", איז דער בעל-ברית אוועק צום רב און איהם דערציילט, וועמען ער האט פערקויפט דאס סנדקאות. דערהערט ווער ס'איז דער „קונה", איז דער רב ארויס אין כעס: ס'טייטש? — האט דער רב געשריגען, ווי פערקויפט מען עס אזא מצוה מאטלען! שוין זאלסטו מיר שיקען מאטלען.

מאטעל איז טאקע באלד אוועק צום רב און דא איז צווישען רב און מאטלען פארגעקומען אזא שמועס:

— צי ווייסטו, — האט דער רב געפרעגט מאטלען — וואס דאס איז אזוינס סנדקאות?

— איך ווייס, רבי, — האט מאטעל געענטפערט, — דאס איז א הייליגע זאך.

— אפשר וואלסטו געוואלט דאס סנדקאות צוריק פערקויפען?

— פאר טויזענד דאלאר, רבי, וועל איך די הייליגע מצוה נישט פערקויפען. מקח איז מקח — האט מאטעל געענטפערט.

— אויב אזוי — האט דער רב געזאגט, אויב דו ווילסט זיין סנדק, מוזטו פרייטאג געהן אין דער מקוה אריין און אויף שבת טארסטו זיך נישט גאליען.

— ס'איז געמאכט! — האט מאטעל אויסגעצויגען זיין האנט, — רייבט איין, רבי, איך טו, ווי איהר הייסט.

נאך אין דעם זעלבען אוונט האט מאטעלס ווייב געבאקען פיר גרויסע לעקעכער. מ'האט אויסגעזאמט 8 גרויסע טעפ ארבעס. מאטעל איז ארומגעפאהרען מיט דער דראשקע און אהיימגעבראכט 8 בעסלעך בוער, 10 פלאשען שפירט, א שאק מארנירטע הערינג. די אמת'ע לעבעדיגע קארפען, חלות און בולקעס, פרייטאג פארנאכט האט מאטעל דעם גאנצען „טראנספארט" אפגעשטעלט צום ארימאן אין שטוב אריין.

פרייטאג צו נאכט, נאך קבלת שבת, האבען זיך גענומען שטעלען די געסט, מענער און ווייבער, איבער הונדערט מאן. מאטעל האט געסאפעט ווי א לאקאמאטיוו. מ'האט געקנאקט אויף אלע באקציין. בעסלעך זענען געווארען ליידיג, די קארקעס פון די פלאשען זענען געפלויגען איינער נאכ'ן אנדערן, מ'האט געזונגען און געטאנצט ביז נאך האלבער נאכט.

שבת איז מאטעל מיט זיינע „פיטאטשעלעס" געגאנגען אין שוהל אריין צום ערשטען מנין. און באלד נאכ'ן דאווענען ווידער אוועק צום ברית. ס'גאנצע שטעטעל איז געשטאנען אויף די פיס, דאס געסעל, וואו ס'וואוינט דער בעל-ברית, איז געווען בעלאגערט פון נייגעריגע מענשען. מאטעל איז געקומען אויסגעפוצט אין עסיג און אין האניג. מיט א שטראהלענד פנים האט זיך מאטעל בעזעצט אויפ'ן ווייך-געבעטענעם שטוהל פאר'ן סנדק, און אז אלץ איז געווען פארטיג, האט ער א צופרידענער א זאג-געטאן:

— „גיט מיר איהם, דעם יאטן!"

מ'האט דאס קינד מל געווען און גלייך נאכ'ן יורשען, איז מאטעל אויפגעשפרונגען א צעקאכטער, און ארומגעלאפען איבער דער שטוב און זיך געקלאפט אין הארץ אריין:

— חברה, איך האב געזעהן „אליע גוווען" (אליהו הנביא'ן). די ווייבער האבען געשאקעלט מיט די קעפ: אזא זכיה!...

נאכ'ן „יורישען", האט מען זיך ווידער גענומען צו דער „מלאכה", אלץ, וואס ס'איז געווען אנגעגרייט, איז פערברענט געווארען אונטער די הענט. מאטעל האט געברענגט דעם חזן מיט די משוררים. אזוי האט מען זיך משמח געווען ביז שפעט אין דער נאכט.

פון דעם שבת אן רופט מען מאטלען: „מאטעל, דער וואליער רב", „מאטעל, דער סנדק". און טאמער דארף איינער פאהרען אויפ'ן בית החיים, נאך א דאקטאר, ערגער עפעס וועגען א געשעפטליכען ענין, זוכט מען אויף מאטלען מיט זיין דראשקע. מ'האלט, אז ער וועט זיין מזל'דיג. איצט האט מאטעל נאך איין שטרעבונג: אז מ'פרעגט איהם:

— נו, מאטעל, וואס הערט זיך?

ענטפערט ער:

— איצט האב איך נאר איין בקשה צו גאט: כ'זאל נאך זוכה (זוכה) זיין צו שמאנגישען מיט דער בייטש אין רוצירול (ארץ ישראל).

די מעשה מיט מאטלען, דעם סנדק, וואס האט געזעהן אליהו הנביא'ן איז איצט אין זדונסקא וואליע דאס געשפרעך פון טאג.

-זשאן-

פון דער סדרה

(ענדע פון זייט 6)

טענס געלד. נושה איז א לשון נשיאה און מעלה. (אור החיים).

• • •

ואנשי קודש תהיון לי. איך וויל האבען, אז איהר זאלט זיין אנשי קודש, נישט צו עסען קיין מאכלות אסורות, כדי איהר זאלט זיין ראוי צו מיר, ווייל איך בין א קדוש (רמב"ן). דער קאצקער רבי אדמו"ר ר' מענדיל האט אויף דעם פסוק געזאגט: „איהר זאלט זיין מענשליך הייליג".

• • •

ועבדתם את ה' אלקיכם וברך את לחמך ואת מימיך. פארוואס הויבט זיך דער פסוק אן מיט א לשון רבים „ועבדתם", און ענדיגט זיך מיט א לשון יחיד „לחמך"? דאס איז דערפאר, ווייל ס'איז א כלל „כל ישראל ערבין זה בזה", אלע יודען זענען איינער פאר'ן אנדערן ערב, דעריבער זאגט דער פסוק, ווען וועט זיין דאס ברויט פון יעדען יוד געבענשט, דעמאלט, ווען אלע וועלען דינען דעם אויבערשטען.

נאך א טעם: עבודה, וואס איז תפלה, איז בעסער, ווען זי איז פרבים, בצבור, דעמאלט ווערט זי גיכער נתקבל, אבער עסען ברויט, איז בעסער און געזונדער, אז יעדערער זאל בעזונדער עסען. (כלי יקר).

* * *

צו שבת שקלים.

זה יתנו כל העובר על הפקודים מחצית השקל. (שמות ל, יג). די מצוה פון שקלים איז געווען אין דער צייט, ווען דער בית המקדש איז געשטאנען, כדי צו קויפען פאר די געזאמעלטע שקלים קרבנות צבור. אין דער איצטיגער צייט קאן מען אויך מקיים זיין די דאזיגע מצוה, דהיינו, מיט געבען צדקה, וועלכע איז אזוי גוט מכפר, ווי א קרבן. „דעמאלט, ווען ס'בית המקדש איז געשטאנען, זאגען די חז"ל, „האט דאס מזבח מכפר געווען אויפ'ן מענש, היינט איז זיין טיש אויף איהם מכפר", ד. ה. דאס געבען ארימע לייט פון זיין טיש. נאך מעהר געפינען מיר אין דער גמרא (ברכות): „גדולה צדקה מקרבנות", דאס צדקה-געבען איז נאך גרעסער פון מקריב זיין קרבנות און הכנסת אורחים איז גרעסער פון קבלת פני שכינה. (ספר בית יעקב).

די געשיכטע פון בערד

„די מעשה האט א בארד". זאגט מען. אבער די בארד האט אויך א מעשה. די מעשה ווערט דערציילט אין אן'אינטערעסאנט בוך. וואס איז ערשט ערשינען. — די ראלע פון דער בארד אין דער מענשליכער געשיכטע. — ערנסטע און קאמישע געשיכטעס פון דער בארד.

II.

די געשיכטע פון די בערד האט אין זיך מער קאמישעס ווי ערנסטעס, ווייל אפילו אין זייערע טראגעדיעס געפונט איהר א מאסע הומאר, לעכערליכקייט.

אט. למשל, דערציילט מען די בארד-געשיכטע, אז א געוויסער קעניג פון די אלטע צייטען איז געווארען פיל מיט גרימצארן, ווען א קעניג פון א שכנישער מדינה האט צו איהם געשיקט א יונגען אמבאסאדאר, וועלכער האט נאך נישט געהאט קיין סימן פון א בארד. דער קעניג האט אזוי לאנג געשריגען און געזידעלט דעם צווייטען קעניג פאר דעם „יונגען נארישען אמבאסאדאר", וואס ער האט צו איהם געשיקט, ביז דער אמבאסאדאר האט זיך מעהר נישט געקענט איינהאלטען און האט געענטפערט: „ווען מיין קעניג זאל געוואוסט וויסען, אז איהר מאכט אזא ווערען פון א בארד, וואלט ער אייך געשיקט אריינגעשיקט אלס אמבאסאדאר א באק".

פערקעהרט ווידער, ווען די ענגלישע קעניגין עליזאבעט האט אריינגעשיקט צום רוסישען צאר איוואן גראזני אן'אמבאסאדאר מיט א ריזיג לאנגער בארד וואס איז לאנג געווען 5 פוס מיט 2 צאל, האט זיך דער שרעקליכער איוואן זעהר דערפרייט פון ענגלישען אמבאסאדאר, און ביי יעדער געלעגענהייט האט ער גענומען די בארד און זיך געשפילט מיט איהר. אזוי פלעגט איוואן טאן אפילו, ווען ער איז געזעסען מיטן אמבאסאדאר אויף א צערישען באנקעט, און געגעבען ווארט פון אלע הויפלייט און הויף-דאמען און כדי צו שמייכלען זיך צום צאר, האבען די הויפלייט און הויף-דאמען שוין אויך זיך פערליבט אין דער ענגלישער בארד און האבען איהר אויך אריינגענומען צווישען די פינגער און איהר צערטליך געגלעט און זיך מיט איר געשפילט... אויב דער ענגלישער אמבאסאדאר האט געהאט פערגעניגען פון די דאזיגע צערטליכקייטען, וואס מען האט אין איוואנס הויף ארויסגעוויזען צו זיין זיידענער בארד, ווייסען דעם שווייגט די געשיכטע.

אלעקסאנדער דער גרויסער האט נישט געטראגען קיין בארד און האט אויך געצוואונגען זיינע סאלדאטען צו גאלען די מארדעס.

דער שכל איז דערביי געווען א זעהר פשוטער. דער קלוגער אלעקסאנדער האט פערשטאנען, אז בערד זענען א גרויסע געפאהר אין א מלחמה. אין יענע צייטען ווען מען האט נאך נישט געוואוסט פון קיין ביקסען און מאשינען-ביקסען. שוין אפגערעדט פון הארמאטען און לופט-באמבעס, האט מען געפירט מלחמות מיט שפיזען, מיט שווערדען און גאנץ אפט מיט די נאקעטע הענט. מען האט זיך איינער דעם אנדערן אנגעכאפט פארן גארגעל, פאר א נאז, פאר אן'אויער, פאר דער משופרינגע און אזוי האט מען זיך געראנגעלט ביז איינער פאלדאט האט בעזיגט דעם צווייטען.

אין אזעלכע מלחמות איז פאר א סאלדאט געווען א גרויסע געפאהר צו טראגען א בארד, ווייל א בארד איז געווען די בעסטע און באקוועמסטע זאך, וועלכע דער שונא האט געקענט אריינכאפען אין זיין האנט... דערפאר האבען זיך אלעקסאנדער'ס סאלדאטען געמוזט אפגאלען די בערד, אבער זיי האבען געמוזט טראגען לאנגע משופרינגעס אויפן קאפ, ווייל אלעקסאנדער איז געווען זיכער, אז זיינע סאלדאטען וועלען זיך קיינמאל נישט לאזען אטאקירען פון הינטען ארום און זיך לאזען פון עמיצען אנכאפען ביי דער משופרינגע...

די אלטע גריכען און רוימער זענען געווען בעקאנט אלס מענשען מיט בערד, אבער שפעטער, ווען רוים און גריכענלאנד זענען פערכאפט געווארען פון קריסטענטום, האבען די רוימישע קריסטען אראפגעווארפען די בערד, בעת די גריכישע קריסטען האבען געהאלטען שטארק און אייזען מיט די בערד. ערשט טויזענד יאר שפעטער האבען די גריכישע קאטולישע קריסטען זיך אפגעזאגט פון זייערע בערד און זיי אראפגענומען פון זייערע פנימער. אבער די פרומע קריסטען פון דער פראוואסלאווער קירכע זענען ביז צום היינטיגען טאג געבליבען היינע אנהענגער פון דער בארד, און וואס לענגער די בארד, אלץ הייליגער איז דער „פאפ", וואס טראגט איהר.

מיר האבען שוין דערמאנט די שיינע קעניגין עלינאר, וועלכע איז ארונטער פון גלייבען ווען דערפאר, וואס איהר מאן האט זיך אפגעגאלט די בארד און דערמיט ארויסגערופען איהר האס צו זיך. פאראן נאך א סך נדרע ביישפילען, וואס ווייזען, אז אפילו אין ראמאנטישען פראנקרייך זענען אמאליגע פרויען געווען שטארק פערליבט אין לאנגע מענערישע בערד, און א מאן אהן א בארד, איז ביי זיי גאר קיין מאן נישט געווען.

דער פראנצויזישער קעניג הענרי דער-דריטער איז איינמאל געקומען צו א באלקעם מיט א גלאטיג אפגעראזירטען פנים. דערמיט האט ער געגעבען זיך ארויסגערופען דעם צארן פון אלע מענער און דעם געלעכטער פון אלע פרויען, וועלכע האבען מעהר אין זיינע ד' אמות נישט געוואלט שטיין, און איינער א פאעט האט אפילו פערפאסט הוזק-לידער אויף דעם פארדלאזען פנים פון אומגליקליכען קעניג. אין יענע צייטען האט יעדער געליבטער, וואס א פרוי האט געהאט, געמוזט האבען א בארד מיט וואנצעס, און וואס ברייטער און געדיכטער די בארד, אלץ ליידענשאפטליכער איז געווען איהר ליבע צו דעם מאן.

געווען א צייט, ווען מענער האבען געטראגען „פעכער-בערד", דאס הייסט בערד, וואס זענען געווען ברייט פונאנדערגעקעמט, ווי א פעכער. די בערד פלעגען אשמירען מיט וואקס, כדי זיי זאלען זיך האלטען אין דער ריכטיגער ארדנונג און מען פלעגט זיי בעגיסען מיט פערשידענע פארפומען, כדי זיי זאלען האבען א פיינעם פערפירערישען דופט, ווען די פרויען וועלען צו זיי צוקומען... ביינאכט פארן שלאפען-געהן, כדי זיי זאלען נישט ארויס פון דער פארם, האט מען אויף זיי אנגעטאן א ספעציעלען מין „בארד-שאכטלען", אין וועלכע די בערד זענען א גאנצע נאכט געווען בעהאלטען. אזוי האט מען זיך געפירט ביזן אנהויב פון 19-טען יאהרהונדערט אין איירעפע. אין יענע צייט זענען ארויסגעקומען די ברייטע שטייפע „באקען-קאלנערס" מיט די הויכע שפיצען, און עס איז פעסטגעשטעלט, אז דער צוועק פון דעם סארט קאלנערס איז געווען אונטערצוהאלטען די ברייטע בארד, איהר האלטען ברייט און „שוועבענדיג" און נישט לאזען איהר „איינזינקען".

אין די מזרח-לענדער איז א לאנגע צייט געווען א מאדע, אז קעניגען און פרינצען האבען געטראגען גאלדענע בערד, אין וועלכע עס פלעגען זיין אריינגעוועבט גאלדענע פעדים און גאלדענע בראשעס, קייטלעך און שלוסעלעך.

פון אריענט האט זיך די מאדע פערשפרייט קיין איירעפע, און די ערשטע פראנצויזישע קעניגען פלעגען אריינ-

(ענדע—זייט 11)

דאס געפערליכע עלטער אין פאמיליען-לעבען

די יאהרען, ווען פאמיליען-זארג קומען פאר אממייסטען.—שווער איז צו דערציהען ביז עס קומט א קינד

עס איז דא א ווערטעל, אז די סאמע שווערסטע צייט אינם פאמיליען-לעבען איז ביז דער גאלדענער חתונה, דערנאך געהט עס שוין א גאנג. פאר א גאר גרויסען פראצענט פאר-פאלקען, איז אין דעם דאזיגען ווערטעל דא א שטיק אמת: דאס רוב פאר פאלקען האבען צרות נאר די ערשטע יאהרען נאך דער חתונה; עס זענען אבער אויך דא אזעלכע, וואס האבען צרות, אי צום אנהויב און אי צום סוף: די ערשטע צייט, איידער מען לעבט זיך איין, איידער מען געוואוינט זיך צו איינס צום אנדערן, און צו-לעצט, ווען, מעהרסטענס, דער מאן, ווערט קאפריזנע, משוגע-וואטע און עס איז אונמעגליך איהם צופרידענצושטעלען. ביי דער אנהויב און ביי דער סוף ווענדט זיך א סך אין דער פרוי. אויב זי האט שכל און גענוג ווילען אנצוהאלטען דעם שלום-בית, וועט זי אלע שטערונגען אפשאפען פון וועג.

מענשען געהען מיטן גאנג, אז די שענסטע טעג אינם פאמיליען לעבען זענען די טעג פון'ם „האניג-חודש", אבער פונקט, ווי עס זענען דא מאנדעל-ביינעלעך, וואס איז זעהר שווער צופרידענצושטעלען, ווען זיי ווערען אלט און מארשיגען, פונקט אזוי זענען דא יונגעלייטלעך, וואס מאכען דאס האניג-חודש אזוי בוטער, ווי גאל.

די גרעסטע צרה מיט'ן שלום-בית באלד נאך דער חתונה איז דאס, וואס די פארלעך, האבען זיך נישט גערוכט, אז אויך ביי זיי זאל אמאל פארקומען א שטיקעל מחלוקת. זיי האבען געטרערט און געזעהען מחלוקת'ן ביי זייערע עלטערן, ביי זייערע פריינט, אבער אויך ביי זיי זאלען נאכ'ן האניג-חודש אנקומען ביטערע טעג. האבען זיי זיך גוט געריכט; קומען אן די ביטערע טעג, ווערט דאס פארעל ענטוישט און עס גיט א קלאפ דער געדאנק: „אנטלויפען, אפשניידען א פאלען!"

עס וואלט דערום בדאי געווען צו פאלגען יענע לעהרער, וואס זאגען, אז מען דארף דעם יונגען עולם נאך אין מיטעלשול אויפקלערען, אז נאך די גאלדענע טעג מוזען אינם פאמיליען-לעבען אנקומען די אייזערנע, די בלעכענע און די פערזשאווערטע טעג.

דאס רוב קריגערייען הויבט זיך אן ביי די פארלעך טאקע באלד, ווי מען קומט צוריק פון דער רייזע, וואו מען האט פערבראכט דעם „האניג-חודש". עס זענען נישט קיין וויכטיגע קריגערייען. דאס רוב זענען דאס קליינינקע סכסוכים, כמעט אונבעדייטענדע; דינינקע וואלקענדלעך אויף א לויטערן הימעל. אמאל צענעהען זיי זיך, אמאל אבער קלייבען זיך צוזאמען און ווארטען, ביז מען שווט זיי צעווארימען און דעמאלט — הויבט עס אן, ווי איהר ווייסט שוין מסתמא, צו דונערן און צו בליצען און דערנאך ברעכט אויס א שטורם.

די דינסטע וואלקענדלעך אינם פאמיליענלעבען, אפילו, ווען זיי צענעהען זיך, בלייבען ערגעץ שטעקען און ווארטען אויף א געלעגענהייט אויסצוברעכען אין א שטורם.

דער שטורם אליין, קאן זיך אויך מאכען, זאל אנהאלטען נישט מעהר ווי א זומערדיגער רעגען: דאס פארעל ווערט ברוגז און בעט זיך באלד איבער. אבער עס איז שוין א כלל, אז ווען א קלייד בעקומט א פלעק און מען נעמט דעם פלעק ארויס, מעג עס זיין ווי געראטען, וואס אויף דעם ארט, וואו דער פלעק איז געווען, ווערען א רים, דארטען איז דער שוואכסטער פונקט.

דער פלעק ווערט שטענדיג ארויסגעוואשען מיט א נאפטאלינער שמירעכץ. דער קרינג און שטוב ווערט אויך אויסגעוואשען מיט נאפטאלינע ליידער; דער פלעק זעהט זיך שוין נישט אן, אבער א סימן בלייבט און שפעטער ווערט א רים.

קלוגע פאר-פאלקען טראגען אריבער די שטורעמס און מאכען א שוויג.

און נאכאמאל דאס איינענע: — די זאך ווענדעט זיך מעהר אין דער פרוי. אמת טאקע, אז די פרוי האט פונקט אזא רעכט צו זיין משוגע, אדער אויסגעשפארט, ווי דער מאן; אבער מיר ווייסען דאך, אז די פרוי ליידט מעהר פון א גט, איידער דער מאן. נאך אלע רעכט און נאך אלע גערעכטע טענות פון דער פרוי, איז דער מאן פארט נישט אין אזא טרויעריגער לאגע, ווי דאס ווייב זיינס. ווען ער גט זיך מיט איהר, ער האט זיך זיין קלוב, זיינע גוטע ברידער און זיינע גוטע שוועסטער; זאל ער וועלען נאכאמאל חתונה האבען, האט ער קיין דאגה נישט, ער וועט ווידער נעמען א יונג מיידעל און ווידער פראווען א האניג חודש; די צווייטע און אפילו די דריטע פרוי, קאן זיך זעהר גוט מאכען, זאל זיין גראטענער און שענער, איידער די ערשטע, וואָרום ער איז שוין פראקטיש און ווייס, וואס ער וויל און וואס ער דארף; די פרוי אבער ווערט אריינגעווארפען אין דעם ים פון גע'-גט'ע ווייבער, וואס זענען דא אין די דורדערטער, און זעהר זעלטען גלט זיך זיי איין אפצוזוכען א בעסערע מציאה, איידער דער ערשטער מאן איז געווען.

וואלט דאס די פרוי בעראכט ווייסען און אליין זיך נישט טאריש מאכען און נישט דערלאזען, אז איהר בעל-הבית'ל זאל זיך נאריש מאכען און ארויסטראגען דעם סקאנדאל אויף דער גאס. זי דארף ווייסען, אז די ערנסטע צייט פונם פאמיליענלעבען איז פארט די ערשטע.

איז אבער די צרה פון אונזערע יונגעלייט, וואס ביידע זענען מהרא'דיגע עקשנים. יעדער צערטעלט זיין עגאאיסט אין ביידע זענען פערגליובט ביי זיך, אז דער אנדערער איז נישט נאר אומגערעכט, נאר א דעספאט, א טיראן און וואס א.ן דער קארט...

איז דער אמת איז דאך, אז געניטען האט זיך דער שטורם איבער א קליין וואלקענדעל. דער יונגערמאן איז אהיים געקומען שפעט, דער מאלצייט איז קאלט געווארען און דאס יונגע ווייבעלע טענה'ט ש'יז מיט א טרערענדיגער שטים, אז ער האט זי מעהר נישט ליב; אדער זי האט זיך אנגעהארעוועט א גאנצען טאג אין שטוב און האט קיין כח נישט צו געהן מיט איהם טאנצען אויף א באל. ווערט ער אנגעבלאזען, ווי א אינדיק, און פלאנעוועט שוין, ווי אזוי אנצולערנען זי; אדער איהם האט זיך דוקא פארגלוסט צו געהן קינא און זי וויל נאר געהן צו דער מאמען, אדער א טעאטער; אדער אט האט זי געזעהן, ווי ער האט זיך געלאזט א שמייכעל דער חברטע; אדער ער האט זי געזעהן, ווי זי האט זיך געלאזט א קוש טון פון זיין בעסטען פריינט.

און אלע און אין יעדען פון די און פון אנדערע טויזענט מיט איין וואלקענדעל. דארף מען, אז נאר איינער פון דעם פארעל זאל האבען שכל און מאכען א שוויג, אנבויגען דעם אייגענעם כבוד אויף א מינוט, אויף א רגע; ער דארף נאר צוגעהן צו איהר, זי ארומנעמען און זאגן איין איינציג גוט ווארט; זי דארף איהם נאר איין גלעט טון, א קוש טון און אלץ ווערט אפגעווישט, פערשווינגען, פערגעסען.

אבער זי וועט זיך נישט אונטערגעבען און ער וועט זיין איינגעשפארט ווי א יונג פערדעל און די וואלקענדלעך וועלען זיך קלייבען, ביז — דאס ערשטע קינד ווערט געבוירען און דעמאלט הויבען זיך אן נייע צרות, נייע וואלקענדלעך קלייבען זיך אויפ'ן לויטערן הימעל, אבער שוין נאר אנדערע צרות זענען דאס.

דאס מאל זענען דאס צרות אזעלכע, וואס בינדען צונויף שטארקער דאס לעבען פון די צוויי יונגע מענשען.

וואס מען דארף, בכן, אויף אנצוהאלטען דעם שלום בית, ביז עס קומט א קינד, איז נישט צוצורעדען זיך צום עגאאיסט, וואס ליגט בעגראבען אין הארצען און כאפט זיך אויף אומליבעם מאל, ווען עמיצער וואגט צו זאגען אזוינס. וואס דער עגאאיסט וויל נישט ליידען חוצ'ן עגאאיסט זעלבען, פערשטייט זיך, פארהאן אויך אנדערע שטערונגען, וואס זענען בכח אונטערצוגראבען דעם שלום-בית פון יעדען יונגען פארפאלק; מענשען צונדען זיך אן אויף דער מינוט און קאנען זיך נישט קאנטראלירען, אדער זענען בכלל נישט דערצויגען און ווייסען נישט, אז יעדער מענש מוז זיך קאנטראלירען; עקאנאמישע און פינאנציעלע אומשטענדען: שווערע אדער פעראנטווארטליכע שטעלעס; שלעכטע בעל-הבית'טעס, שעדליכע ליידענשאפטען — זיי זענען אויך ביטערע אנשיקעניש'ען, וואס קאנען רואינירען א פאמיליע.

דארף עס נעדויערען א יאהר פיר, פונף ביז דאס פארפאלק געוואוינט זיך צו איינער צום אנדערנס משיגעת.

חוזק
הומאָר און סאַטירע פון דער וואָך
צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק

ווער האָט וואַהל־רעכט
לויט׳ן נייעם קהלה־געזעץ?

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ראַזמאַ־רינג׳ס לעצטע רעדע אין סיים וועגען דעם נייעם קהלה־געזעץ, בעקומען מיר פון די אגודה־קרייזען פאָלגענדע אויפקלע־רונג:

נישט אמת, אַז צו די קהלה וועלען וועלטליכע יודען נישט האָבען קיין וואַהל־רעכט. וואַהל־רעכט וועלען האָבען אַלע יודען, וואָס וועלען אונטערשרייבען, אַז:

1) זיי נעהמען יעדען פרייטאָג אין מקוה אַריין.

2) זיי זענען מחדש די לבנה.

3) זיי דאַווענען אין 2 פאָר תפילין.

4) זיי טראָגען כשר׳ע ציצית.

5) זיי פאָהרען אויף יום־טוב צום רבי׳ן.

6) זיי טראָגען בערד לענגער פון 20 צענטימעטער.

7) אַז זיי לייענען נישט קיין אַנדערע צייטונג ווי די „גאַזעטאַ פאָלסקאַ".

וועלכער יוד ס׳היט אָפּ די 7 פונקטען, און וועט האָבען אַ „זאַשווידטשעניע" פון די שומרי שבת, וועט לויט דעם נייעם „רעמאָקראַטישען" קהלה־געזעץ האָבען וואַהל־רעכט.

צוגעטראָגען דעם „חוזק" פון קאַצאַפּ.

אַ כּלל־טוער טאָר מען נישט גלויבען
סצענע אויפ׳ן בית החיים

בײַם מאַנ׳ס קבר ליגט אַ יודינע און קלאָגט:

טײַערער הערש זרח, כ׳בין דיר געקו־מען אָנזאָגען אַ בשורה: אונזער באַל־טשעלע האַלט פאַר דער חתונה. ס׳פעהלט מיר אָבער אויס טויזענד גילדען. מיט־רוך, ס׳זאָל מיר צוגעשיקט ווערען די טויזענד גילדען, דער שידוך זאָל חלילה נישט אָפּגעהן.

אַ יוד, וואָס איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען הערענדיג די יודענע׳ס בקשה, האָט אַרויסגענומען 500 זל. און געגעבען דער יודענע — געהט און מאַכט חתונה אייער טאָכטער.

— ווער איז דאָס דער יוד? — האָט די יודענע געפרעגט בײַם קברות־מאַן.

— דאָס איז אַ בעקאַנטער לאָדזער כּלל־טוער.

דאָ האָט די יודענע ווידער גענומען אַרײַנרעדען אין קבר אַרײַן:

— הערש זרח, דו ביזט נאָך דער אייגענער שוטה, ווי דו ביזט געווען בײַם לעבען. נאָך אַמאָל, אַז דו ווייסט מיר שיקען געלד, זאָלסטו נישט שיקען דורך אַ כּלל־טוער. דו ווייסט דאָך, אַז זיי האָבען ליב אַראָפּצושלינגען אַ העלפט!...

אונטערגעהערט פון קנאַפּז.

אַ מאַסקען־באַל פּראָגראַם
פון די פּועלי אמוני ישראל

ווי דער „חוזק" דערוויסט זיך, האָבען די הגע „פּועלי אמוני ישראל" בעשלאָ־סען איינצואָרדנען אַ מאַסקען־באַל. דאָס פּראָגראַם איז פאָלגענדעס:

11 בייגאַכט

מען וואַשט זיך די הענט און מען דאַ־ווענט מעריב.

האַלב 12.

מען טיילט גאַרטלען און מען גרייט זיך מחדש צו זיין די לבנה.

פונקט 12.

אַ כאָר פון די „בנות" זינגט פון רער אָפּערע „כל מקדש".

12 מיט 30 מינוט.

אַ רעפעראַט פון רעדאַקטאָר פרידגאַ־זאָהן מיט אַן׳איינליידונג פון חבר שטשע קאָטש.

1 מיט 15.

מען געהט אין מקוה אַריין בציבור.

האַלב 3.

מען עסט טשאָלענט מיט ליאָרעס.

האַלב 4.

ראָזאַר צערעפּליום דעקלאַמירט „אונזער גמינעלע".

4 מיט 10.

מען לייענט קריאת שמע.

6 פאַרטאָג.

מען שאָקעלט זיך.

האַלב זיבען.

אַ וואַרשאווער דעלעגאַט האַלט אַ רע־פעראַט וועגען דער בעדייטונג פון ויזתא אין דער וועלט־פּאָליטיק.

חודש אדר
פון גראַם קאַלי.

בענטשעו מיר ר׳ חודש אדר\
וואָס זשע איז דער כוון געדרונגען?\
אַז דער בייזער קאַלטער ווינטער\
האָט זיין לידל אָבגעזונגען...

העכער שיינט די זון אין הימעל\
און עס ווערט דער שניי צערינען,\
הלואַי זאָל אויך דער קריזיס\
ווערען מיט׳ן שניי ענטרינען...

נאָר דער קריזיס, אוי, דער גזלן!\
האָט נישט פאַר דער זון קיין מורא\
זומער, ווינטער, הערבסט און פריהלינג\
וואַרפט ער אָן זיין מרה שחורה...

אָבער נישט געזאָרגט, רבותי,\
האָט נישט ברידער, קייז יסורים,\
הכל הבל... נישט געדאַגהט!\
און געדענקט – עס גייט צו פורים...

—:o:—

א בעגריסונג
וואָס איז נישט געהאַלטען געוואָרען אויף דער אַש־אַקאַדעמיע

גרויסער שלום אַש!

אַלס פאַרשטעהער פון סוחרים־פאַר־איין האָט איהר דעם כבוד פון מיר בע־גריסט צו ווערען. הגם אונז איז נישט בעקאַנט אייערע „אָבראַזען", ווייסען מיר אייך פאַרט „אָפּצושאַצען". אייערע אַרטיקלען זענען קוראַנטער פון אַשר קאָהנ׳ס אַרטיקלען, מחמת איהר פאַבריצירט „לודאָווע זאַכען". אין נאָמען פון דער פערוואַלטונג און פון דער באַנקעט־סעקציע, ווינש איך אייך, איהר זאָלט ווייטער שרייבען (נישט קיין וועקס־לען און נישט קיין רעקוויזען) און זאָלט אַרבייטען אָהן פּראָטעסטען און אָהן א גאַרזאָר.

אין נאָמען פון סוחרים־פאַראיין\
מאָריץ סקושינסקע

פון קלאַנג־פילם־טעאַטער

הײַנט און יעדען טאָג ווערט געשפּילט אין דער אַכצענטער רייה פאַרטער, אויפ׳ן באַלקאָן, אויף דער גאַלעריע און אין די לאָזשעס די ליידענשאַפטליכע און אויפ־רעגענדע דראַמע מיט׳ן אינטיטל פון גאַנ־צען פּובליקום.

א שאלה צום „חוזק"

באַלומער יודען ווערען אויך צוגערע־כענט פאַר לעבעדיגע?

ענטפער:

באַלומער יודען ווערען גערעכענט פאַר לעבעדיגע, ווייל בײַ אַזאַ קריזיס איז דאָרט לעבעדיג...

רודאַלף זאַסלאַווסקי
שרעקט זיך

מיר האָבען געהערט, אַז רודאָלף זאַס־לאַווסקי איז בעאונרוהיגט פון זיין לאַ־זער בעזוך און ער האָט מורא פאַר אַ באַנקעט מיט דרשות. מיר קאָנען איהם בערוהיגען און פערזיכערן, אַז מיר וועלען איהם קיין באַנקעט נישט מאַכען.

„דער וואָס קריגט די קוש"

אַ דראַמע אָהן סוטבאַלען, נישט פון לעאָניד אַנדרעיעוו.

דאָס בילד איז איינגעטיילט אין סצע־נעס: יעדען אָוונט אַן׳אַנדערע סצענע.

אין פוטער־געוועלב

קונה: פאַרוואָס רעכענט איהר אַזוי טייער די פוטער, עס איז דאָך איצט אַלץ ביליגער געוואָרען?

קרעמער: איך קאָן נישט בע־שטעהען — מיין פוטער איז נאָך פון די אַלטע. קנאַפּז.

ווייבערישע רייד

וואָס טראָגען זי דאָ, יטעלע, פלייש פון דער יאַטקע?

איך קויף נישט קיין פלייש.

וואָס דען טון זי?

איך קויף אַ פעטע גאַנז, האָב איך שמאַלץ און פעדערן, פאַלט מיר ס׳פלייש אַראָפּ בחנם...

ק—ר

אַמעריקאַ און פוילען

זי ווייסען, פעסעלע, אין אַמעריקא, אַז ס׳קומט אַ פוילישע מיידעל, בעקומט זי אַ חתן מיט אַן׳אויטאָמאָביל.

— וואָס רעדן אַזוי ווי דאָ? אין לאַנד קאָן מען צו אַ בלויזען שאָפער אויך נישט קומען.

זאָגט אַ מערעל:

עס איז גלייכער איין מאָל ווי אַ סך פּאָוואָרזעניע.

אַז מען זעהט שלעכט אויס, איז נישט אַזוי ווייט שולדיג דאָס פּנים, ווי די פאַרב.

אַכטועלע ־ללות

זאָלסט אַזאַ הנאה האָבען פון דיין לע־בען, ווי קופּנים פון קיעפּורא׳ן.

ס׳זאָל דיר אָנגעהן אַ העלפּט, וואָס דער נייער יודישער פאָלקס־טעאַטער ווינשט זאַסלאַווסקי׳ן.

פאַ כאַזאַצעמי

— וואָס זאָגסטו צום פּראָיעקט, וועגען נעמען פרויען צו די זעלנער?

— אויך מיר אַ נייעס; מיין ווייב איז שוין לאַנג אַ קאָזאַק.

וואָס קינדער ווייסען

לעהרער: זאָג נאָר, משה׳לע. פון 50 קאָן מען אַראָפּנעמען 100?

שילער: יאָ. מיין טאַטעשי, אַז ער לייזט 50 זל., נעמט ער דעם אוזשאַנד אַראָפּ 100 זל.

קנאַפּז.

חנה אין זאַקאָפּאַנע

הויבט זיך אויף מיין טייערע חנה פערגלוסט זיך איהר אַ „ספּאָרט", און פאָהרט אַוועק קיין זאַקאָפּאַנע, און זי איבערווינטערט דאָרט.

זי נעמט זיך מיט איהר ליבען סאַנע, אויך ער ליבט ווינטער אין שניי, פערברענגען זיי אין זאַקאָפּאַנע און ספּאָרטעווען דאָרט אין צוויי.

און צוריקגעקומען איז מיין חנה פון דעם ליבען, שעהנעם לאַנד, שוין אַליין, אָהן איהר ליבען סאַנע אָהן אַ פוס און אָהן אַ האַנד.

וו. מעצנער.

אויף לאָדזער טעמעס

עס נוצט נישט קיין קונצען,\
קיין חכמות, קיין זאָרגען;\
באַנקראָטירסטו נישט הייגט —\
באַנקראָטירסטו מאָרגען.\
עס געהען פון „ברעטעל"\
די פעטסטע מחותנים.\
עס ווערען מיט זאַכען\
אַלע קבצנים.

קנאַפּז

פון אַ רעוויע־ טעאַטער

איהר ווייסט, דער פאָרהאַנג איז דאָ זעהר שעהן געמאָלט.

יאָ, ליידער הויבט מען איהם אויף...

ס׳ווערט געזוכט

איך האַלט ביי דינגען אַ פּראָצענט־געוועלב אויף פּעטריקאָווער גאַס אויף אַ קאָנפעקציע־געשעפט.

מיין זוהן האָט זיך פערליבט אין אַ מיידעל און געהט חתונה האָבען אָהן אַ גראָשען געלד.

איר זוך דערום אַ

טיכטיגען מענש

וואָס זאָל אונז ביידע אָפּרעדען פון די פוילע געשעפטען.

אָפּערטען פאַר „שלימזלען" צום חוזק

כ׳לאַך פון דיר, אמעריקא!
מאָנאָלאָג פון אַ יוד, וואָס קוועלט פון קרובים אין אמעריקא
פון י. אבערזשאַנעק

נקמה. איהר הערט? אַ גרויסע נקמה האָב איך דערלעבט אין אַמעריקא. נישט אַזוי ווייט אין אַמעריקא, ווי — אין די אַמעריקאַנער.

— אַ׳, הערט איהר, איז דאָס אַ פאָלק, די אַמעריקאַנער. און ווער זענען זיי, די אַמעריקאַנער? יודלעך; יודלעך פון פשעמיש, פון סטריקאָוו, פון זשגיוו. פון סטאַשעוו און פון כמעלניק. איז ווי דער כמעלניקער אָדער פשעמישער גוט נאָר קאָלאָמבוס׳ן שלום עליכם, אַזוי הויבט ער שוין אָן צו פאַנפען אונטער דער נאָז. איבערנאַכט ווערט פון הערשעל — דאַ־רי, פון יאַנקעל — דזשייקאָב, פון משה — מאָריס. פון אַ שוסטער ווערט אַ מיס־טער, אַ בריף ווערט ביי איהם אַ „לע־טער", אַ פאָטאָגראַפיע אַ „פּיקטשע", געשעפטען זענען „ביזנעס", נישט קשה איז ביי איהם „אָל רייט". היק, שטוק, איבער נאַכט ווערט ער אַן׳אַמעריקאַנער „דזשענטעלמען". פאַנפעט ענגליש — אַ פערשוינער אַמערי־קאַנער!...

אַמעריקא.

אַ קליינינקייט, אַמעריקא! ווי לאַנג נאָך, ווי מיר זענען דאָ אין פוילען גע־ווען אַמעריקאַנער? דער קצב האָט גע־האַקט די ביינער לויט׳ן דאָלאַר. דער בעקער האָט געווירען מיט׳ן דאָלאַר. דער שניידער האָט צוגעשניטען אַ „פשאַרעק" לויט׳ן „לאָקס". דער שוסטער האָט גע־קלאַפּט די טשוועקעס לויט די „פונקטען" פון „לאָקס". דער רענטניסט האָט גע־ריסען ציין לויט׳ן קורס פון דאָלאַר. און ווער שמועסט, די חתנים? זיי זענען דאָך געווען גאַנצע אַמעריקאַנער. אַזוי לאַנג ווי דער חתן־בחור האָט נישט גע־זעהען די „אַמעריקאַנער זאַכען" האָט ער געטענה׳ט — „ניע פאַראַרדען". אַ בהמה האָט דער קצב געקריגט פאַר דאָ־לאַרען. אַ חתן האָט דער מחותן געקויפט פאַר דאָלאַרען — הימעל און ערד און דאָלאַרען!...

אַ׳, וואָס האָב איך צו די דאָלאַרען? וואָס פאַר שלעכטס האָט מיר אַמעריקא געטון? אַמעריקא האָט מיר גאַרנישט געטון, נאָר די אַמעריקאַנער — מיינע אַמעריקאַנער קרובים.

מיט אַ צייט צוריק, ווען אַלע יודען אין פוילען האָבען געזוכט קרובים אין אַמעריקא, האָב איך אויך אויסגעזוכט אַ קרוב. מיין ווייב׳ס ברודער׳ס אַ גליד־גע־שוועסטערקינד, געוואויר געוואָרען דעם אַדרעס, אַוועקגעשיקט אַ בריף, און גע־וואַרט אויף די דאָלאַרען.

וואַרט הײַנט, וואַרט מאָרגען. האָב אַוועקגעשיקט אַ צווייטען בריף, אַ דריטען בריף. געוועהנליכע בריף און עקספּ־רעס־בריף. די לעצטע פּאָר גראָשען, וואָס איך האָב פערמאָגט, זענען אַוועק אויף פּאָסט־מאַרקעס, און קיין דאָלאַרען זעהט מען נישט.

ערשט אין עטליכע חדשים קומט אַריין דער בריף־טרעגער, און דערלאַנגט מיר אַ בריף. און אַלץ הייסט אַ בריף — אַ גאַנצען טשעמאָדאַן. בעקלעבט מיט לאַק־סטעמפּלען פון אַלע זייטען.

אַז איך האָב דערזעהען דעם פּערליאַ־קעווען בריף, האָט מיר דאָס האַרץ גענומען קלאַפּען, ווי ביי אַ גזלן. פאַר די אויגען האָב איך געזעהען די לאַנגע, גרינע „לאָקשען", ווי זיי שיטען זיך איינער נאָכ׳ן אַנדערען. וואָס איך וועל טון מיט אַזאַ „מאַטניאַ". און אין האַרצען האָב איך מיין קרוב, מיין ווייב׳ס ברודער׳ס גליד־געשוועסטער־קינד אָנגעוואונשען דאָס אייביגע לעבען פאַר זיין גוט האַרץ — אַ קליינינקייט, אין אַזאַ ביטערער צייט!

מיין ווייב, די קינדער, אַז זיי האָבען דערזעהען דעם „אוצר", איז געוואָרען „ליהודים". די פּנים׳ער האָבען געפלאַמט פון שמחה. און וואָס איז דער תירוש, אַזאַ איבערלעבעניש!...

מיט ציטערדיגע הענד האָב איך אָפּ־געריסען דעם לאַק. פאַרזיכטיג גע־עפענט דעם קאָנווערט, און וואָס, מיינט איהר, האָב איך אַרויסגענומען? — אַ פאָטאָגראַפיע!.. אַ פאָטאָגראַפיע פון עפּיס אַן׳אָפּגעגליעטען יונגאַטש מיט אַ פּאָר ברייטע פּליצעס. נעבען איהם אַ דאַרע, אויסגעטרוקנטע גוי׳ע מיט עט־ליכע יאַטלעך ביי דער זייט. צוזאַמען מיט דער פאָטאָגראַפיע איז אויך גע־לעגען בייגעלייגט אַ בריוועלע מיט די ווער־טער:

„מיסטער דזשעק!

אייער לעטער האָב איך דערהאַלטען. איך בין אָל־רייט. כ׳האָב אַ שאַפּ אויף דער שענסטער סטריט. איך שיק אייך אַ פּיקטשע.

אייער האַרי".

אפשר פערשטעהט איהר אַזאַ פּוסטעל יודיש? איך האָב עס נישט אָנגעהויבען צו פערשטעהן. פון וואַנען, איך בעט אייך, זאָל איך וויסען, אַז לעטער איז דער טייטש אַ בריף. אַז פּיקטשע מיינט מען אַ פאָטאָגראַף, און אַז אַ ווערקשטעל איז ביי זיי גאָר אַ שאַפּ? — פון וואַנען זאָל איך דאָס וויסען, פון וואַנען?

מילא, וואָס איך מיט מיין ווייב האָ־בען איהם בשעת מעשה אָנגעוואונשען — דאָס בין איך אייך מוחל. דער עיקר איז, אַז ער איז געבליבען ביי די דאָלאַרען, און איך — ביי דער פאָטאָגראַפיע...

אָבער נישט דאָס בין איך אייך אויס־סען צו דערצעהלען. נאָך נישט צוליב דער פאָטאָגראַפיע בין איך געוואָרען אַזאַ געפעהרליכער „אַנטיסעמיט" פון די אַמעריקאַנער. די נקמה, וואָס איך האָב יעצט אין אַמעריקא, איז גאָר צוליב דער מעשה מיט דער אַמעריקאַנער ירושה. די מעשה מעגט איהר הערען:

געווען איז עס מיט אַן׳ערך צוויי יאָהר צוריק. איך קום אַהיים, לויפט מיר מיין יודענע ענטקעגען מיט אַ שמחה. ס׳געשליי־ער פערדרוקט „נאַ באָק". די אויגען גלאַנצען ביי איהר, ווי זי וואָלט נאָר וואָס געמאַכט אַ לחיים איבער אַ 95־ער כוסה. זי האַלט פעסט צוגעדריקט אַ צייטונג און שרייט:

— אשר׳ל, מיר האָבען עס!

— וואָס האָבען מיר? — פערשטעה איך נישט איהר שמחה — אַ דאָלאַרו־בקע? אַ געווינסעל? לאָמיך הערען.

— נאַ, זעה, וואויל זי מיר אין דער צייטונג.

איך לייען אַ דעפּעש פון ניו־יאָרק וואו עס שטעהט געשריבען, אַז דאָרט איז געשטאָרבען דער גרויסער מיליאָנער דזשייקאָב וויין.

— נו, זאָג איך, ווער איז דאָס דער דזשייקאָב וויין? פון וואַנען נעמט זיך צו דיר מיט אַמאָל אַ וויין אין דער משפּחה?

— וואָס פערשטעהסטו נישט? — האָט זי מיר גענעבען צו פערשטעהן. דאָס איז דאָך יאַנטשע קאַרעק. מיין על־טער־פעטער, יאַנטשע קאַרעק פון אַמע־ריקא.

— יאַנטשע קאַרעק? ווי קומט יאַנ־טשע קאַרעק צו דזשייקאָב וויין?

— שוטה איינער! — איז זי שוין געוואָרען אין כעס. — אין אַמעריקא פערדרעהען זיי זיך דאָך די נעמען. יאַנ־טשע איז דאָך יאַנקעל. יאַנקעל איז יאַ־קיב, און יאַקיב איז אין אַמעריקא דזשיי־קאָב.

— גוט, זאָג איך, מסכים. און פון וואַ־נען ווערט פון קאַרעק — וויין?

— אויך דאָס אייגענע — טרעט זי נישט אָפּ — פון אַ קאָמבינירטען נאָמען. אַ קאַרעק איז דאָך פון אַ פלאַש, און אין אַ פלאַש איז וויין, איז פון יאַנטשע גע־וואָרען דזשייקאָב און פון קאַרעק — וויין, און דער פערשטאָרבענער מיליאָנטשיק דזשייקאָב וויין, איז נישט קיין אַנדערער ווי — מיין עלטער־פעטער יאַנטשע קאַ־רעק...

ווי געפעלט אייך אַזאַ מין פּשט׳על? יאַנטשע איז יאַנקעל, יאַנקעל איז יאַקיב, און יאַקיב א.ז. דזשייקאָב. קאַרעק האָט אַ שייכות מיט וויין, איז ביי מיין ווייב געוואָרען פון יאַנטשע קאַרעק — דזשיי־קאָב וויין, און געהט שפּאַרט זי איבער.

וואָס ווייטער איז געווען? מיין ווייב׳ס פּשט׳ל האָט מיך אומגליקליך געמאַכט. זי האָט צוזאַמענגענומען אַלע קאַרעקס. וואו ס׳האָט זיך ערגיץ געפינען אַ קאַרעק, האָט זי איהם אויסגעזוכט. מ׳האָט גע־מאַכט אסיפות און „פּאַשערוזעניעס". און אַלץ ביי מיר אין שטוב. מ׳האָט גע־פיהרט קאָרעספּאָנדענציעס מיט אַדוואָ־קאַטען, מ׳האָט געטרונקען טיי און גע־קויפט מאַרקען. גאַנצע נעכט מחלוקת׳ן און געשריען: דער האָט געשריגען: איך בין אַן׳אמת׳ער קאַרעק, און דער צווייטער האָט אויפגעוויזען, אַז דער אמת׳ער קאַרעק איז גאָר ער. כ׳האָב נישט געהאַט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט, און אַ גאַנץ יאָהר בין איך אַרומ־געגאַנגען אַ צו־קאַרעק־צומישטער... און ווער ווייסט, ווי איך וואָלט אָפּגעשניטען, ווען נישט אַ נס, וואָס עס איז געשעהן:

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, איך בין נאָך געשלאָפען, הער איך אין צווייטען צימער אַ קוויטש. איך לויף אַריין אין צווייטען צימער. מיין יודענע ליגט אויס־געצויגען אויף דער סאָפע אַ פאַר׳חלש׳טע, און נעבען איהר ליגט אַ בריף. איך נעם לייענען דעם בריף — פון אַמעריקא. אין דעם בריף שרייבט אַן׳אַדוואָקאַט:

„דער פערשטאָרבענער הייסט ריכטיג, ווי ס׳איז געווען אין דער צייטונג — דזשייקאָב וויין, אַ געבוירענער עוואַנגע־ליק פון בערלין"...

איצט פרעג איך אייך: שרייב איך בריף נאָך דאָלאַרען, שיקט מען מיר פאָ־טאָגראַפיעס. שטאַרבט אין ניו־יאָרק אַ דייטש, אַ געבוירענער עוואַנגעליק, ווערט ער ביי מיין ווייב פון דזשייקאָב וויין — איהר עלטער־פעטער יאַנטשע קאַרעק, און איך ווער בדיל הדל ביים טיי מיט פּאָסט־מאַרקעס. נו, איצט פערשטעהט איהר שוין, פאַרוואָס איך בין אַזאַ „אַנ־טיסעמיט" אויף אַמעריקא?

אָבער די אמת׳ע נקמה אין אַמעריקא האָב איך ערשט דערלעבט די הייגטיגע וואָך. איך קים אַריין, דערלאַנגט מיר מיין ווייב אַ בריף פון אַמעריקא. איך עפען אויף דעם בריף, פון דעם זעלבען, מיין ווייב׳ס ברודער׳ס גליד־געשוועסטער־קינד. איך נעהם לייענען, וואָס איז דאָס? עפּיס שרייבט ער אַ פּשוט׳ן, ריינעם יו־דיש. אָהן „שאַפּס", אָהן „לעטערס", אָהן „פּיקטשערס". אָהן „אָל־רייטס". ער שרייבט, אַז ער איז אויף געהאַקטע צרות, אַז ער האָט געקומען פון קראַך. דאָס איינציגע ענגלישע וואָרט אין דעם בריף איז „סלעק". ס׳הייסט, ער ליגט נין איי־לען טיף אַרצה, נישט בעסער פון מיר דאָ, אין לאָדז. וואָס נאָך שרייבט ער: ער האָט ברעה צוקומען קיין לאָדז זו־כען פּרנסה. איך זאָל איהם באַלד שריי־בען, צי ער וועט קאָנען קומען צו מיר.

דערזעהען דעם „ריין יודישען" בריף איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. אַ נקמה־געפיהל האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב נישט לאַנג געטראַכט, האָב גע־קויפט אַ גרויסען, לאַנגען קאָנווערט. האָב אָנגעשריבען אַ בריף מיט אַזאַ נוסח:

„פּשיאַטשעלו קאָכאַני!

דיין ליסט איז פאַר מיר אַ „ניעספּאָ־דזשאַנקע. איך שיק דיר אַ פּאָראָגראַפיע מיט דער לעצטער זדיענטשע פון מיין ראָדזשינע. איך וואוין אויף דער 28 פּולק סטשעלצוב קאַניאָווסקיך. איך האָב אַ גענעראַלנע פּשעדסטאַוויטשעלסטווע פון אַ טאָוואַזשיסטווע אַסעקוראַציינע אָד אָג־ניאַ. אוקלאָנים פון מיר און אויקלאָנים פון דער ראָדזשינע.

דאַ מילעגאָ

אייער שאַסטשעשליווי".

האָב אָנגעשריבען דעם אַדרעס, אַריינ־געלייגט אַ פאָטאָגראַפיע פון מיר מיט מיין ווייב און קינדער, אַרומגעלייגט פון אַלע זייטען מיט לאַק און זאָל ער זיך דאָרט ווערגען מיט מיין „יודישען" בריף, אַזוי ווי איך האָב מיך געוואָרגען מיט זיין „יודישען" בריף. זאָל ער אַנ־שטאַט אַ תשובה אויף זיין בריף, בעקו־מען — אַ „פּאָראָבינגע" פון מיין „ראָ־דזשינע".

ווען איך האָב דעם פּערליאַקעווען בריף אַריינגעלייגט / אין פּאָסט־קעסטעל האָב איך מיט אַ מאָל פון נקמה אויס־געשריען:

איך לאַך פון דיר, אַמעריקא!...

—080—

טעאַטער און קונסט

די גאַסטראָלען פון רודאָלף זאַסלאַווסקי

דעם 20. פעברואַר הויבט זיך אָן אין לאָדז דער נייער סעזאָן, פון יודישען טעאַטער אין „פילהאַרמאָניע". דער אָנהויב ווערט געמאַכט מיט אַ ברייטען פערנעם: די ערשטע גאַסטראָלען נעהערען רודאָלף זאַסלאַווסקי מיט זיין טרופע.

רודאָלף זאַסלאַווסקי איז אַ זייל פון דער יודישער טעאַטער-בינע, אַן אַרטיסט מיט אַ בערימטען נאָמען און אַ גרויסען טאַלאַנט.

זאַסלאַווסקי'ס טרופע בעשטעהט פון טאַלענטירטע גוטע אַרטיסטען ווי: ליב שריפטזעצער, שלמה נאַאומאָוו, רייכענבערג, האַמבורגער, סיקירזעצקאַ א. א.

רודאָלף זאַסלאַווסקי שפּילט איצט שלום-עליכם'ען, און וועלכען ער איז נישט פערגלייכליך.

דאָס טעאַטער אין „פילהאַרמאָניע" וועט פון איצט געפיהרט ווערען דורך דעם בעקאַנטען טעאַטער-פאַכמאַן משה זאַנדבערג, אַ ברודער פון בערימטען יודישען טעאַטער-דירעקטאָר אין לאָדז.

דער קינסטלער פון גאָט'ס גענאַד
צו הערץ גראָסבאַרט'ס אויפטריט אין „פילהאַרמאָניע"

נאָך אַ לענגערן טורנע איבער אויסלאַנד איז דער בערימטער יודישער רעציטאַטאָר הערץ גראָסבאַרט ווידער אין זיין היים-שטאָט לאָדז און וועט דאָ קומענדיגען מאָנטאָג אָווענד אויפטרעטען אין „פילהאַרמאָניע".

וועגען הערץ גראָסבאַרט'ס וואָרט-קאָנצערטען דאַרף מען קיין סך נישט שרייבען. ווער עס האָט נאָר כאָטש איינמאָל געהערט דעם גרויסען קינסטלער-רעציטאַטאָר, וועט שוין נישט אַדורכלאָזען די געלעגענהייט און קומען נאָכאַמאָל. נאָך מיט איניגע יאָהר צוריק בעת זיינע אויפטריטען אין בערלין האָט שוין דוד בערגעלסאָן געשריבען וועגען קינסטלער: „געהט הערען גראָסבאַרט'ן — פאַר אייך וועלען זיך ענטפּלעקען נייע טיפקייטען פון דער יודישער ליטעראַטור. איהר וועט זי אָנהויבען פון דאָס ניי ליב האָבען און פון דאָס-ניי לייענען". יעצט נאָך די ערפאָלגרייכע אויפטריטען פון הערץ גראָסבאַרט אין ווילנע, שרייבט וועגען איהם זלמן רייזען:

„אַ קינסטלער פון גאָט'ס גענאַד, וואָס זיין גלייכען האָב איך נישט בעגעגענט נישט אין אייראָפּאַ, נישט אין אַמעריקאַ, נישט אויף דער יודישער עסטראַדע און אפשר אויך נישט אויף דער פרעמדשפּראַכיגער. עפּעס אַ סוד ליגט אין דעם כח פון זיין רעציטאַציע. ער האָט בפועל ממש געשאַפען אַ נייעם גייסט אין פאַרטראָגען ווערק פון דיכטער, דערהויבען עס צו אַ בעזונדערער קונסט. קען דען זיין אַ העכערער מדרגה?"

מיר בעגריסען יעצט הערץ גראָסבאַרט'ן צו זיין אויפטריט אין לאָדז!

געזאַנגס-קאָנצערט
פון חיה'לע גראַבער

אזוי איז געווען פאַראויסצוזעהן: דער געזאַנגס-קאָנצערט פון חיה'לע גראַבער וועט אַרויסרופען דעם גרעסטען אינטערעס. די בילעטען צו דעם געזאַנגס-קאָנצערט ווערען טאַקע שנעל אויספערקויפט.

אין פּראָגראַם פון לעצטען קאָנצערט געהען אַריין די בעסטע און שענסטע נומערן פון איהרע ערשטע צוויי פּראָגראַמען צוזאַמען מיט אַ ריהע נייע קינדער-לידער, פאָלקס-לידער, גאַסען-לידער און חסידישע ניגונים.

פון יודישען פאָלקס-טעאַטער

די פאָרשטעלונגען אין יודישען פאָלקס טעאַטער אויף זגערזשער 17. געהען אַראָפּ מיט אַ גרויסען ערפאָלג. יערען טאָג ווערט געשפּילט ביי אַ פול געפּאַקטען זאַל. היינט אָווענד ווערט געשפּילט „דער זיסער חלום". מאָרגען שבת נט. — די „גאַסען-קינדער", שבת אָווענד ווערט געגעבען די פּאָפּולערע אָפּערעטע „די רומענישע חתונה".

זעליגפעלד—קיפּניס
קאָנצערט פון יוד. פאָלקס-לידער

נאָך 3 טעג טיילען אונז אָפּ פון גרויסען קאָנצערט פון יודישען פאָלקסלידער אין „פילהאַרמאָניע", וועלכער קומט פאָר זונטאָג 8.30 אָווענד. אויף דעם דאָזיגען קאָנצערט טרעטען אויף די בערימטע קינסטלער זמרה זעליגפעלד און מ. קיפּניס, 2 נעמען פון קינסטלער, וואָס זענען די בעסטע גאַראַנטיע, אַז דער קאָנצערט וועט האָבען מיט אַ פערדינטען ערפאָלג.

די קינסטלער וועלען אויספיהרען נייע נאָך נישט געזונגענע פאָלקס-לידער, דועטען, און טראַדיציאָנעלע מעלאָדיעס, חסידיש ניגונים, ווי אויך פאָלקס-הומאָר.

דער אינטערעס צום קאָנצערט איז זעהר גרויס.

—:0:—

פון לאָדזער האַנדעלס-געריכט

אופּאַדלאַשטש, רעגולאַציע, גלייט-שיין

(5) אין פעברואַר 1930 איז ערקלערט געוואָרען אונטער אופּאַדלאַשטש די פירמע „ברידער בידערמאַן", אַפּרעטור און פאַרבעריי אויף רייטער'ס גאַס 30. די בעזיצער פון דער פירמע זענען טעאָדאָר רישאַרד בידערמאַן און אָסקאַר-אייגוסט בידערמאַן. די באַנקראָטירטע זענען געשטעלט געוואָרען אונטער פּאָליציאישע אויפזיכט.

דעם 17. יאַנואַר ד. י. האָט דער בעיפולמעכטיגטער פון די באַנקראָטירטע פאָרגעשלאָגען די קרעדיטאָרען צו רעגוילירען אויף 30 פּראָצענט, צו בעצאָהלען אין 2 יעהרליכע ראַטעס. פאַר די בעדינגונגען האָבען זיך אַרויסגעזאָגט 25 קרעדיטאָרען געגען זענען געווען 2. 5 קרעדיטאָרען זענען נישט געווען אָנוועזענד אויף דער קרעדיטאָרען פערזאַמלונג. דער פאָרשטעהער פון דער פינאַנץ-מאַכט האָט זיך אָפּגעהאַלטען ביי דער אָפּשטימונג. היות די מערהייט האָט מסכים געווען אויף די רעגולאַציע-בעדינגונגען, איז דער אָפּמאַך בעשטעטיגט געוואָרען און די באַנקראָטירטע איז צוריקגעקעהרט געוואָרען זייער סוחר'ישע עהרע.

• • •

דער מאַנופאַקטור-פירמע ש. פרידלענדער (וואָלטשאַנסקער גאַס 111) איז אין אָקטאָבער פ. י. ערקלערט געוואָרען פאַר באַנקראָט און ער איז איבערגעגעבען געוואָרען אונטער פּאָליציאישער אויפזיכט.

סוף יאַנואַר ד. י. האָט די פירמע „פּיאָטרקאָווסקי און מאַנאַווסקי" (פּיאָטריקאָווער 35) דערלאַנגט אַן אָפּאָזיציע. פרידלענדער האָט פאַר'ן שטעלען איהם אונטערן אופּאַדלאַשטש געבעטען ביים געריכט אַ „נאַדזאָר", פאָרשטעלענדיג אַ בילאַנס מיט אַלע איינצעלהייטען וועגען געוועזענעם קרעדיט און פון די אָפענע חובות, ווי אויך פון די איינגענע וועקסלען. דער אופּאַדלאַשטש געגען פרידלענדער'ן איז אָבער ערקלערט געוואָרען אויפ'ן גרונד פון פּראָטעסטירטע וועקסלען, וואָס ער אַליין האָט איינגעשטעלט פאַר ליב בערגמאַן. און פאָרגעשטעלטען בילאַנס האָט דער נאָמען בערגמאַן אינגאַנצען נישט פיגורירט. ס'איז דערביי געווען אַ פּערזאַכט, אַז בערגמאַן איז אַ פיקטיווער קרעדיטאָר, אינטערגעשטעלט דורך פרידלענדער'ן. דער אָפּאָזיציאָנער האָט געבעטען, אַז די דאַטע פון אופּאַדלאַשטש זאָל גערעכענט ווערען פון 4. אַפּריל 1930. די בויטע איז בערוקזיכטיגט געוואָרען.

• • •

אויף דער זעלבער סעסיע איז ערוולענגערט געוואָרען דער גלייט-בריף פאַ"ן באַנקראָטירטען חיים וויינטרויב, הורויאויף דעטאַל-סוחר פון פוטער און קאָנפעקציע אויף נאַוואָמיעסקאַ 19. דער גלייט-שיין איז פּראָלאָנגירט געוואָרען אויף 1 חודש, ווייל וויינטרויב איז זינט אַ לענגערע צייט קראַנק.

ראַדיאָ פּראָגראַם

פרייטאָג 13 פעברואַר

לאָדז (233,8) 11,58 שעה-צייכען 12.05 גראַמאָפאָן מוזיק 1.15 פּאָרלעזונג פון טעגליכען פּראָגראַם ווי אויך קינאָ און טעאַטער רעפּערטואַר. 3.50 לעקציע פון פראַנצויזיש (טר. פון וואַרשאַ) 4'10 קאָמוניקאַט פון פּויליש'ן פערבאַנד פאַר קורצע כוואַליעס פון וואַרשאַ, 4.25 גראַמאָפאָן מוזיק 5.15 פּאָרטראַג א.ט. „גיליאַנען פליגן אויך מיקען" פון פּראָפ. סומינסקי טר. פון וואַרשאַ 5.45 קאָנצערט פון וואַרשאַ 6.45 פּערשידענעס, 7.10 קאָמוניקאַט פון דער לאָדזער האַנדעלס קאַמער. און פּאָרלעזונג פון פּראָגראַם אויפ'ן נעכסטען טאָג 7.20 פּאָרטראַג פון ריכטער קנאָפּוף "די ערציהונגס טעטיגקייט פון זעריכט פאַר מינדעריעהריגע אין לאָדז" 7.40 ראַדיאָ פּרעסע זשורנאַל פון וואַרשאַ — 8 מוזיקאַלישער שמועס פון וואַרשאַ סימפאָנישער קאָנצערט פון דער וואַרשאַווער פילהאַרמאָניע אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון דיר. ה' אַבענדראָט אין פּראָגראַם שאַפונגען פון בעטהאָווען נאָכער „פ.א.ט." וועטער פּאָליציי און ספּאָרט קאָמוניקאַטען ווי אויך רעטראַנסמיסיעס פון אויסלענדישע סטאַציעס „אַ שפּאַציר מיט'ן דעטעקטאָר איבער אייראָפּאַ"

שבת 14 פעברואַר

לאָדז (233.8) 11.58 שעה צייכען 12.05 גראַמ מוזיק 1.15 פּאָרלעזונג פון טעגליכען פּראָגראַם ווי אויך קינאָ און טעאַטער רעפּערטואַר 3.50 ראַדיאָ טעכנישער פּאָסט קאַסטען (טר. פון וואַרשאַ) 4.15 קאָאָפּעראַטיסטען ידיעות (טר. פון וואַרשאַ) 4.35 גראַמאָפאָן מוזיק 4.45 ווינקעלע פאַר יונגע מוזיקאַלישע טאַלאַנטען פון וואַרשאַ, 5.15 פּאָרטראַג פון קראָקאָ 5.45 פּר. פאַר יוגענד 6.45 פּערשידענעס, 7.10 קאָמוניקאַט פון דער לאָדזער האַנדעלס קאַמער און פּאָרלעזונג פון פּראָגראַם אויפ'ן נעכסטען טאָג 7.25 גראַמאָפאָן מוזיק 7.40 ראַדיאָ פּרעסע זשורנאַל — 8 פעליעטאָן 8.15 פּאָרטראַג 8.30 לייכטע מוזיק — 10 פעליעטאָן 10.15 שאַפונגען פון שאָפּען אין אויספיהרונג פון לוציאַ ראַבאָווסקאַ אויף פּיאַנאָ 10.35 „פ.א.ט." וועטער פּאָליציי, און ספּאָרט קאָמוניקאַטען, ווי אויך טאַנץ מוזיק פון וואַרשאַ

ל'אדז
13 פעברואַר 1931
זון אויפג. נג. 6.58
זון אונטערג. אנג. 4.41
פרייטאָג, כ"ו שבט תרצ"א
פ' משפטים
ליכט-צינדן: 4,26

טאָג-כראָניק

נאַכט דיזשורען אין די אַפּטייקען

היינט דיזשורירען פאָלגענדע אַפּטייקען: א. דאַנצער זגיערזשער 57; וו. גראָשקאָווסקי 11 ליסטאָפּאַד 15, גאָרפּיין פּילסוצקי גאַס 54, באַרטאָשעווסקי פּיעטריקאָווער 164 רעמביעלינסקי אַנדזשעיאַ 26 שימאַנסקי פּשעדזאַלניאַנאַ 75.

פאָרלעזונג אין „טאָז"

שבת, 8½ אין אָווענד וועט אין לאָקאַל פון „טאָז" (נאָוואָמיעסקאַ 3) פאָרקומען אַ פאָרלעזונג פון ד"ר י. פ. ק. „סיפיליס און דאָס נערווען-סיסטעם". איינגאַנג 30 גראָשען.

57000 אַרבייטער בעשעפטיגט איצט די גרויס-אינדוסטריע אין לאָדז

לויט אַ סטאַטיסטיק האָבען די לאָדזער גרויסע פאַבריקען ביז'ן 1. פעברואַר ד. י. בעשעפטיגט 75,000 אַרבייטער, ד. ה. אַז די לעצטע וואָך פון יאַנואַר איז די צאָהל בעשעפטיגטע אין דער גרויס-אינדוסטריע געוואַקסען אויף 791 אַרבייטער.

לעצטע וואָך פון יאַנואַר ד. י. זענען 8 גרויסע פאַבריקען אינגאַנצען נישט געווען טעטיג.

·—0—

פאָלקס-אוניווערזיטעט
ביי דער ציון. אָרגאַניזאַציע

שבת, 6.30 אָווענד קומט פאָר אין דער פאָלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציוני. אָרג. (צעגעלנ. 4) די 3-טע העבר. פאָרלעזונג „די שפּעטער פון תלמוד". רעפּערענט: ה' אהרן לובאָשיצקי.

זונטאָג דעם 15. ד. ח. וועט האַלטען אַ אינטערעסאַנטע פאָרלעזונג רעד. י. אונגער. דאָס וועט זיין דער ערשטער פון אַ ציקל אַקטועלע פאָרלעזונגען אויף ד. ט.: „ענגלאַנד און די ענגלישע פּאָל. מיק". די פאָרלעזונג וועט זיך אָנהויבען פּונקט ליך 7 אָווענד.

וואָס איז דאָס "Tagol"?

„טאַגאָל"-טאַבלעטקעס זענען אַ וווּרקזאַם מיטעל געגען רעומאַטיזם. פּאָדאַגרע, גריפּע, נערווען-שמערצען און קאָפּווערטאָג, מיגרענע און פערקיהלונגען. מאַכט אייך נישט אַליין קיין היזק בענוצענדיג אַנדערע מינדערווערטיגע מיטלען.

יודיש טעאַטער „פילהאַרמאָניע"
נאַרוטאָוויטשאַ 20
יודישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל
קינסטלערישע לייטונג
רודאָלף זאַסלאַווסקי
ענדליך נאָך אַזוי פיל יאָהרען איז דאָך געלונגען צו בעקומען פאַר דעם לאָדזער טעאַטער עולם דעם בעסטען יודישען קינסטלער, וועלכער האָט דעם גרעסטען ערפאָלג אין אַלע לענדער, דאָס איז דער ליבלינג
רודאָלף זאַסלאַווסקי
לעזט די ווייטערדיגע אַנאָנסען
וועגען אַלע ענינים זיך צו ווענדען דעם 17/II אין קאַנצעלאַריע פון טעאַטער פילהאַרמאָניע צום אדמיניסטראַטאָר
מ. זאַנדבערג

אַ קאַסטבאַר אַלס קירכען-בילד פון הינטער ווינער איז געגנב'עט געוואָרען
און זאָל זיך געפינען אין לאָדז

(8) סוף דעצעמבער 1930 איז פון דער קירכע אין וויטענפעלד (הינטערוויען) אַרויסגעגנב'עט געוואָרען אַ ווערטפול בילד, וואָס שטעלט פאָר די הייליגע מאַריא מאַגדאַלענאַ. דאָס בילד שטאַמט פון 12-יאָהרהונדערט און איז דאָס ווערק פון אַ גרויסען אומבעקאַנטען מאלער. מבינים האָבען דאָס בילד געהאַט אָפּגעשאַצט אויף 300,000 שילינג, דאָס הייסט — 370,000 זל.

דאָס אַוועקגעגנב'עטע בילד איז געמאָלט אויף גלאָז און בעשטעהט פון עטליכע בעזונדערע טיילען, וואָס זענען צוזאַמענגעפּאַסט מיט זילבער.

ד. צענטראַלע פון דער ווינער פּאָליציי האָט נעכטען איבערגעשיקט צו דער לאָדזער אויספאָרשונגס-מאַכט אַ שטעקבריף מיט אַ גענויער שילדערונג פון דער נע'גנב'עטער רעליקוויע, ווייל עס איז דאָ אַ פערדאַכט, אַז דער גנב דאָס דאָס בילד אַוועקגעפיהרט קיין פּוילען און די שפּורען פיהרען קיין לאָדז.

—0§0—

DLA KASZLĄCYCH OSŁABIONYCH
EKSTRAKT i KARMELKI
LELIWA
NAGR. NA WYST. HIG. i IN.
SPRZ. W APTEK. i SKŁ. APT.
EGZ. OD 1884 R.

געגען פערקויף פון דאָלאַרובקעס אויף ראַטעס

צו דער לאָדזער פּאָליציי זענען אָנגעקומען אָנקלאַגעס פון העכער 200 פּערזאָן, וועלכע זענען בעשווינדעלט געוואָרען דורך בלומרשטע אַקוויזיטאָרען און אַגענטען, וואָס פערקויפען בלומרשטע „דאָלאַרובקעס".

צוליב דעם פאָדערען די לאָדזער פּאָליציי-אָרגאַנען פון דער אויפזיכטסמאַכט אַז זאָל פערעפענטליכט ווערען אַ פעראָרדענונג צו פיהרען אַ הויזירער-האַנדעל מיט דאָלאַרובקעס וכדומה.

געזאַנג-קאָנצערט אין פילהאַרמאָניע.
דאָנערשטאָג ד. 19-טען ד. ח. טרעט אַרויס מיט
איין איינציגען קאָנצערט
דאָס בעוואוסטע ווילנער וואונדער-קינד, דער 7-יעהריגער חזנ'דל
נחום'ס עפּשטיין
נחום'ל עפּשטיין פערכשופ'ט די צוהערער מיט זיין מתיקות'דיגען זינגען און דאַווענען. די גאַנצע וועלט רעדט פון איהם ווי וועגען אַ אויסטערליש נאַטור-וואונדער.
נאָר איין איינציגער קאָנצערט.
בעזאָרגט אייך בעצייטענס מיט פּלעצער
בילעטען ביי דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע

פערשאָלטען בלוט
גרויסער שפּאַנענדער ראָמאַן פון דער היינטיגער צייט

(151 פאָרטזעצונג)

— איך מיין, אַז דער דאָקטאָר און דער הער גראַף האָבען רעכט. פיבער-פאַנטאַזיעס קענען נישט זיין. ער האָט דאָך נישט קיין פיבער.

— ער איז משוגע! איהר קענט זיין זיכער, — האָט עדגאַר זיך אָנגערופען אין אַנ'ענטשלאָסענעם טאָן.

— ניין, איך קען עס נישט גלויבען. זיינע ווערטער מאַכען אָפּט דעם איינדרוק פון אמת. ער האָט דערמאָנט עפּעס אַ פרויען-נאָמען. געדענקסטו. דאָראַ, דעם נאָמען? איך האָב איהם פערגעסען.

— ער האָט גערעדט וועגען עפּעס אַ בעלאַ? — האָט די באַראָנעסע געענטפערט.

— בעלאַ? — האָט עדגאַר אַ ציטער געטון און זיין האַנד איז מאַדטלאָז אַרויסגעפאַלען אויף דער אָנלעהן פון שטוהל.

— יאָ, ליבער פריינד, איז אייך דער נאָמען בעלאַ בעקאַנט?

— ניין. — האָט עדגאַר געענטפערט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ

אָבער זאָהענדיג, ווי די אויגען פון זיין פריינד, בלייבען אויספאָרשענדיג רוהען אויף איהם, האָט ער צוגעגעבען:

— דער נאָמען האָט מיך אָן עפּעס דערמאָנט. מיין פערשטאָרבענע גרויס-מוטער האָט אויך געהייסען בעלאַ.

— אזוי? — האָט הערבערט געזאָגט אַ צופרידענער און ווידער האָט ער זיך געווענדעט צום קראַנקען.

עדגאַר האָט זיך אויפגעהויבען, געמאַכט עטליכע נערוועזע טריט און זיך בעמיהט צו האַלטען רוהיג און קאַלט.

— איהר זענט זעהר אויפגערעגט, הער באַראָן? — האָט זיך די באַראָנעסע דאָרא געווענדעט צו איהם.

— יאָ, איך ווייס נישט פאַרוואָס דאָס איז אזוי. איך האָב אַ שוואַכקייט נישט קענען זעהען פאַר די אויגען ליידענדע, קראַנקע מענשען.

— אוועק! דו האָסט מיר בעלא'ן געגעבען פאַר מיין זוהן!... גיב מיר דאָס קינד!... דו זאָגסט ליגענד.. זי האָט די שרפה נישט געמאַכט! אָ, ווי עס ברענט! ראַטעוועט זי!... דאָרט פאָהרט דער וואָגען!... דאָרט פאָהרט ער!...— האָט ראַאָבע ווידער געשריגען.

דער באַראָן האָט זיך אַ טרויעריגער אָוועקגעדרעהט פון בעט.

— זייט מוחל, הער גראַף, וואָס איך האָב אייך דאָ אהערגעבראַכט. איהר האָט עס דאָך אַליין געוואָלט. — האָט ער געזאָגט צו עדגאַר'ן.

— אָ, ניין, איך האָב אַליין גישט געגלויבט, אַז דער קראַנקער וועט מיך קענען אַזוי ריהרען. איך בעדויער זעהר, וואָס איינערע מיטלען קענען איהם נישט העלפען. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט פערלוירען דעם שכל צוליב דער שטאַרקער שרעק. — האָט עדגאַר געענטפערט. — און איהר, באַראָנעסע, זעהט אויס שרעקליך אויסגעמאַטערט. איהר טאָרט זיך נישט צופיל אָנשטרענגען, — האָט ער זיך געווענדעט צו דאָרא'ן.

— איהר האָט רעכט, הער גראַף. — טו מיר די טובה, דאָרא, און געה אַריין אין דיין צימער. איך וועל מיך שוין פערנעמען מיט'ן קראַנקען. — האָט דער באַראָן געזאָגט.

די באַראָנעסע האָט זיך פערנויגט פאַר'ן גראַף, איז צוגעגאַנגען צום ברודער און איהם אויסגעקושט עטליכע ווערטער.

— יאָ, געוויס, דאָראַ, — האָט דער ברודער איהר געענטפערט, — איך געה גלייך צו דער פּאָליציי און וועל דאָרט אַלץ איבערגעבען. — האָט דער לעטער געענטפערט און האָט זיך געווענדעט צום גאַסט און געבעטען, ער זאָל מיטגעהען מיט איהם.

באַלד האָבען זיי זיך ווידער געפינען אין אויפנאַהמס-צימער.

— נו. איצט. הער גראַף. קענט איהר מיר זאָגען, וואָס אזוגענקליך, האָט אייך אהערגעבראַכט צו מיר. איהר האָט געזאָגט. אַז איהר זענט געקומען צו מיר אין אַ דרינגענדער אַנגעלעגענהייט. מיט וואָס קען איך אייך דינען? — האָט דער באַראָן אָנגעהויבען.

עדגאַר איז געווען זעהר אונרוהיג. ער האָט איצט נישט געהאַט די דרייסטקייט צו זאָגען זיין ביטע.

— ווען איהר וואָלט געוואוסט, אַז דאָס זעהען דעם קראַנקען וואָלט אייך אַזוי צערודערט, וואָלט איך אייך זיכער נישט געפיהרט צו איהם.

— עס מאַכט נישט. מיין אויפרעגונג וועט אַריבערגעהן. — האָט עדגאַר זיך אָנגערופען. — דער קראַנקער האָט מיך אַזוי איבערגענומען, אַז איך קען אייך נישט איבערגעבען מיין בעשיידענע ביטע.

— עס מאַכט נישט. זשענירט אייך נישט. איך שטעה אייך גערן צו אייער הינסט.—האָט דער באַראָן געשמייכעלט.

— איך ווענד זיך צו אייך, הער באַראָן, בלויז ווייל מיין פאָטער איז נישטאָ אין דער שטאָט און ביז איך וועל קענען זיך פערשטענדיגען מיט איהם דאַרף דויערן אַ שטיקעל צייט. איך דאַרף האָבען אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר.

— וויפיל דאַרפט איהר, הער גראַף?

— זיבען הונדערט דאָלאַר. זייט מיר מוחל, וואָס איך בעלעסטיג אייך דערמיט. אפשר וואָלט איהר אַזוי גוט געווען און אין די נאָהנסטע טעג אונז בעזוכט. מיין פאָטער און מיין שוועסטער קומען אין דער שטאָט.

(פאָרטזעצונג קומט).

די פּערל פון מזרח

(ענדע פון זייט 4)

אַז ער האַלט זיך איבער פיר גוּפים-זע שלאַנגען, וואָס זענען גרייט אוהם איינ-צושלינגען; ער האָט פערגעסען, אַז די מייז גריזשען איבער די וואָרצלען פון די צווייגען, און אויב זיי וועלען איבערגע-געבען ווערען, וועט ער אַריינפאַלען גלייך דעם קראָקאָדיל אין מויל אַריין. אַזוי האָט ער נישט אויפגעהערט צו לעקען דעם האָניג, ביז די צווייגען האָבען זיך אָפּגעבראָכען, ער איז אַראָפּגעפאַלען און דער קראָקאָדיל האָט אוהם איינגעשלונ-גען אַ לעבעדיגען.

„דער פּירוּש דאָס איז די וועלט מיט אַלע איהרע צרות, אַנשיקענישען און שווערע ליידען; די פיר שלאַנגען דאָס זענען די פיר זאַפטען אין מענשליכען קערפּער: 1) די גאַל, 2-3) די ליחות'ן פון האַלז און פון נאָז און 4) דאָס בלוּט, וואָס אויב זיי ווערען איבערגעברויזט, זע-גען זיי פּונקט אַזוי געפעהרליך פאַר'ן מענשען, ווי שלאַנגען-גיפט; די צוויי צווייגען, דאָס איז דאָס לעבען, וואָס ווערט כסדר אונטערגעזעגט; די צוויי מייז — שוואַרץ און ווייס, דאָס בעטייט טאָג און נאַכט, וואָס בעגלייטען דעם מענשען'ס לעבען פון געבוירען; דער קראָקאָדיל, דאָס איז דער טויט. און דער לעק האָניג, דאָס איז דאָס ביסעל זיסקייט, וואָס דער מענש געניסט פון לעבען, צוליב וועלכען ער פערגעסט אינגאַנצען אַן טויט". (ז. לד, לה).

אַן'אַנדער משל:

„געווען אַ נזיר צי אַ פּרוש אויף דער וועלט. האָט אוהם דער מלך שטאַרק ליב געהאַט און האָט אוהם געשענקט אַ מלבות-קלייד. האָט אַ גנב דערזעהען דאָס קלייד און ס'האָט זיך אוהם פערוואָרט דאָס אָוועקצוגנב'ענען. האָט ער זיך צו-געמאַכט צום פּרוש, אוהם גע'חנפ'עט און בערוּגט, ביז דער פּרוש האָט אוהם גע-האַלטען פאַר אַן'אמת'ען גוטען פריינד און מעהר זיך נישט געהיט פאַר אוהם. דאַן האָט דער גנב אָוועקגע'גנב'עט דאָס קלייד און איז נעלם געוואָרען. דער פּרוש האָט חושד געווען זיין „פריינד" און דער גנבה און האָט זיך אָוועקגע-לאָזט איבער דער וועלט זוכען דעם גנב. האָט ער בעגעגענט צוויי ציגען, וואָס שלאָגען זיך ביז בלוט, און געקומען אַ פוקס און האָט אויסגעלעקט דאָס בלוט. האָבען די ציגען שלום געמאַכט צווישען זיך, זיך אַריינגעוואָרפען אויפ'ן פוקס און אוהם דערהרג'עט. האָט עס דעם פּרוש געוואונדערט, אָבער ער איז אָוועק ווייטער. איז ער געקומען אין אַ שטאָט אַריין און איז אַריינגעקומען נעכטיגען אין אַן'אכסניא, וואו אַ פרוי איז געווען די בעל-הבית'טע, און די בעל-הבית'טע האָט געהאַט אַ געדונגענע דינסט. האָט די דינסט ליב געהאַט אַ בחור און גע-וואָלט מיט אוהם חתונה האָבען. די בעל-הבית'טע האָט נישט געוואָלט דער-לאָזען די חתונה — ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז די דינסט וועט אָוועקגעהן פון איהר, וועט עס שאַדען איהרע געשעפ-טען. האָט זי בעשלאָסען אָפּצוטוי'טען דעם בחור פון וועג. און דער נאַכט, ווען דער פּרוש האָט גענעכטיגט ביי איהר אין הויז, האָט זי עס געוואָלט דעם בחור אָוועק'הרג'ענען. אַז דער בחור איז געקו-מען צו זיין כלה, האָט די בעל-אכסניא'-טע אוהם אָנגע'שכור'ט און ער איז איינ-געשלאָפען. האָט זי גענומען אַ טעצעל מיט גיפט, עס אונטערגעטראָגען צו דער נאָז פון בחור, כדי ער זאָל דעם גיפט איינאָטעמען. אָבער אַנשטאָט איינצו-אָטעמען דעם גיפט, האָט דער בחור אָנ-געהויבען צו ניסען און דער גיפט איז צובלאָזען געוואָרען אויף אַלע זייטען, און אויך אין מויל פון דער פרוי, דעם רוצח, און זי איז געשטאָרבען. דאָס אַלץ האָט דער פּרוש געהערט און געזעהען.

אַז עס איז טאָג געוואָרען איז ער אָוועקגעגאַנגען אין אַן'אַנדער אָרט, און איז אַריינגעקומען אין הויז פון אַ שוס-טער, אַ לאַטוטניק. דער שוסטער האָט פאַרגעשטעלט דעם פּרוש פאַר זיין ווייב און געזאָגט צו איהר: גיב אַכטונג אויף דעם מאַן, גיב אוהם אָפּ כבוד און בעדין אוהם. און איך געה אָוועק אויף אַ שמחה.

„און דער שוסטער האָט געהאַט אַ טאָכטער, און די טאָכטער האָט ליב גע-האַט אַ בחור. האָט זי געוואָלט חתונה האָבען מיט אוהם — געגען ווילען פון איהר פאָטער. איז אַלע מאָל, ווען דער פאָטער איז נישט געווען אין דער היים, פלעגט דער בחור אַהינקומען, און דעם גאָלער'ס ווייב איז געווען די פערטרויטלע-רין צווישען זיי. און אויך דעם אָוועגער האָט דער מיידעל'ס מוטער מודיע געווען דעם גאָלער'ס ווייב, אַז דער מאַן וועט דעם אָוועגער נישט זיין אין דער היים, און זי קאָן שיקען דעם חתן. איז דער חתן געקומען, געשמאַנען און געקלאַפּט אין טויער מען זאָל אוהם אַריינלאָזען. ער האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו קלאַפּען, און דער שוסטער האָט זיך אומגעקעהרט זעהר שיכור און האָט זיך אָנגעשטויסען אָן דעם בחור, ווייל עס איז פינסטער געווען. אַ בייזער איז ער אַריינגעקומען און שטוב אַריין, צע'הרג'עט ס'ווייב מכות רצח, האָט זי צוגע-בונדען צום הילצערנעם זייל, וואָס האָט אונטערגעשפּאַרט ס'הויז און אָוועקגע-פאַלען שלאָפען. דעריוויל איז געקומען דעם גאָלער'ס ווייב, אָנגעזאָגט דער מאַ-מען, אַז דער טאָכטער'ס חתן וואַרט ביים טויער. „זעה, וואָס מיר איז גע-שעהן צוליב אוהם", האָט די מאַמע גע-זאָגט צום גאָלער'ס ווייב, „אויב דו ווילסט מיר אַ טובה טאָן, שטעל זיך די אָוועק אויף מיין אָרט, אַ צוגעבונדענע, ביז איך וועל געהן אוהם בעטען ער זאָל מיר מוחל זיין, פאַרוואָס איך האָב אוהם נים אַריינגעלאָזט אַזוי גיך. נאָכדעם וועל איך צוריקקומען, דיך בעפרייען און איך וועל ווידער פערנעמען מיין אָרט. און אַזוי איז עס געשעהן. אָבער איידער נאָך די מאַמע האָט זיך אומגעקעהרט, האָט זיך דער שוסטער אויפגעכאַפּט און געפרעגט עפּעס ביי דער צוגעבונדענער, מיינענדיג, אַז עס איז זיין ווייב. יענע האָט אָבער נישט געענטפערט — ווייל זי האָט מורא געהאַט, איהר קול זאָל זי נישט אַרויסגעבען. דער שוסטער האָט נאָכאַמאָל געפרעגט עפּעס ביי איהר, און זי האָט ווידער געשוויגען. איז דער שוס-טער אין כעס געוואָרען, האָט זיך אַריינ-געוואָרפען אויף דער צוגעבונדענער פרוי און האָט איהר אָפּגעשניטען די נאָז. און דאַן געזאָגט צו איהר: „נעם אָט דאָס מעסער און שניידט אָבער די שטריק, מיט וועלכע דו ביזט צוגעבונדען צום זייל" — און ער האָט נאָך אַלץ נישט געוואוסט, אַז דאָס איז נישט זיין ווייב. דעריוויל איז זיין ווייב אַריינגעקומען, אַז זי האָט דערזעהן, וואָס עס איז געשעהן מיט'ן גאָלער'ס ווייב, האָט עס איהר זעהר פער-דראָסען; האָט זי זי אָפּגעבונדען, און אָוועקגעשיקט אַהיים, אָהן אַ נאָז. און האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויף איהר אָרט, ביים זייל. דאַן האָט זי אָנגעהויבען זאָגען איהר מאַן, פאַרוואָס ער האָט איהר נאָז אָפּגעשניטען, אָבער — האָט זי אויסגעלאָזט — פון הימעל האָט מען רחמנות געהאַט אויף מיר און מיר צוריקגעגעבען מיין נאָז. און דער מאַן אויפגעשטאַנען, האָט אָנגעצונדען אַ ליכט און זיך איינגעקוקט אין זיין ווייבס פנים: ריכטיג, די נאָז איז אויפ'ן אָרט! האָט ער זיך שטאַרק ענטשולדיגט פאַר איהר און פאַר די געמער. און דער פּרוש האָט עס אַלץ צוגעזעהן און געהערט.

„און דעם גאָלער'ס ווייב האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים אָהן אַ נאָז. דעריוויל האָט דער גאָלער זיך אויפגעכאַפּט און האָט בעפוילען זיין ווייב, זי זאָל אוהם דערלאַנגען אַלע גאָל-כלים. און אַז זי האָט אוהם אַזוי גיך נישט געפאָלגט, האָט ער געכאַפּט אַ גאָל-מעסער און איהר אַ שליידער געטאָן אין פנים אַריין. האָט זי זיך באַלד צעשריען: „גוואַלד, מיין נאָז!" זענען צונויפגעלאָפען אַלע איהרע פריינט און בעקאַנטע, האָ-בען דערזעהן דאָס פנים אָהן אַ נאָז און די קליידער אין בלוט, האָבען זיי גע-כאַפּט דעם גאָלער און אוהם אָוועקגע-שלעפּט צום ריכטער, און אַז דער שול-דיגער האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו פערענטפערן זיין מערדערישע טאַט, האָט אוהם דער ריכטער פערמישפּט צו אַ שווערער שטראָף. אַז מען האָט דעם פערמישפּט'ן געפיהרט אַהין, וואו ער האָט געזאָלט אָפּקומען זיין שטראָף, איז דער פּרוש צוגעקומען צום ריכטער, און האָט אוהם אַזוי געזאָגט: גערעכטער ריכ-טער! זאָלען זיך דיר די שאָטענס פון בערג נישט אויסווייזען ווי בערג, זע זיי-סען, אַז נישט דער גנב האָט אָוועקגע-גנב'עט מיין מאַנטעל, נישט די ציגען האָ-בען דערהרג'עט דעם פוקס, נישט דער גיפט האָט געטייט די פרוי, און נישט דער גאָלער האָט אָפּגעשניטען דיין ווייבס נאָז, — נאָר מיר אַליין, מיט אונזערע הענט, האָבען אַל דאָס בייז געטאָן". דער ריכטער האָט דאַן געפרעגט ביים פּרוש, וואָס דאָס אַל בעדייט, און דער פּרוש האָט אוהם דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט און געזעהן. האָט דער ריכטער בעפרייט דעם גאָלער". (ז. חף מה—מז.).

און אַן'אַנדער מין מוסר:

„אַ מלך האָט צונויפגערופען פיר חכמים און בערלאַנגט פון זיי פיר אַפאָ-ריזמען, וואָס זענען דער יסוד פון דער עמוק. האָט איינער געזאָגט: „דער יסוד פון חכמה איז שווייגען". און דער צוויי-טער האָט געזאָגט: „דער איז אַ מענש, וואָס פערמאָגט זעלבסטבעהערשונג!" און דער דריטער: „דאָס פיינסטע איז פאַר אַ מענשען — נישט צו מישען זיך אין פרעמדע קריג". און דער פערטער:

„גליקליך איז דער, וואָס פערלאָזט זיך אין אַלץ אויף דער השגחה פון אויבען" (ז. דף ח').

אָדער:

„דריי זאַכען זענען עס, וואָס דער נאַר דערקענט זיך צו זיי, אָבער נאָר ווייניגע ראַטעווען זיך פון זיי: קעניגלי-כע פריינדשאַפט, בעהאַלטען אַ סוד ביי אַ פרוי און טרינקען גיפט אויף פּראָ-בע" (דף מ.).

א. ד. גל. א. ד. גל.

און טרעפט זיך אַ משל נאָך אַ משל, וואָס עס דוכט זיך אַבער, אַז ערגעץ האָט איהר אוהם מעהר שיין געלייענט. און דאָס איז אמת. אָבער דער, ביי וועמען איהר האָט דאָס געלייענט, האָט עס גע-נומען פון דאָרטען, פון דעם אַלטען אינ-דישען מוסר-ספר, וואָס איז לאַנג צוריק געשריבען געוואָרען און אינדיש, איבער-געזעצט געוואָרען און פערביים פון פער-סיש אין אַראַביש און פון אַראַביש — גאַנץ אָדער טיילווייז — איבערגעזעצט געוואָרען אויף אַלע שפּראַכען אין דער וועלט. צוויי טויזענד יאָהר איז דאָך באמת גענוג צום דערצו...

מיין ערשטע בעקאַנטשאַפט מיט שלום עליכמ'ס ווערק

(ענדע פון זייט 7)

זיי מאַקע געשלינגען אָהן אַן'אָפּשטעל. נאָר נאָכ'ן לייענען האָב איך געהאַט דאָס געפיהל, ווי איך וואָלט מיך אָנגע-שלינגען מיט האַלב-רויהע קאַרטאָפליעס. איך האָב געשפּירט נאָך זיי אַן'אומערלוי-בע גייסטיגע שווערקייט און געבראָ-כענקייט. אָט די אַלע מעשיות וועגען מערדערליכע יודען מיט גילגולישע הער-צער, וואָס האָבען אַזוי האַמעטנע אָפּ-געטאָן די ערגסטע זאַכען אין דער וועלט, און וועגען גוטע און פרומע לייט מיט גאָלדענע הערצער, וואָס זענען געשפּרונ-גען פון דער הויט צו שטייגען ווי מלאכים אין דער געשטאַלט פון מענשען — האָ-בען נישט גערירט מיין האַרץ און נים מיין פאַנטאַזיע. ווי אומדערפאַהרען איך בין נישט געווען מיט מיינע דרייצעהן פערצעהן יאָהר, האָט זיך מיר עפּעס נים געגלויבט, אַז צווישען יודען אויף דער יודישער גאַס זענען מעגליך אַזעלכע מערדער און אַזעלכע מלאכים. זייערע שטימען און זייערע גערעדערייען זענען געקלונגען ווי פון אַ פוסטען פאַס, אָהן אַן'אָפּקלאַנג אין דער יונגער בעקענדי-גער נשמה. עס האָט זיי אינגאַנצען גע-פעהלט די פיינע גייסטיגע אַטמאָספערע און דער פערדרינגער פּאַטאָס פון סמאָ-לענסקין'ס אָדער בראַנדעס'עס העלדען, וואָס האָבען אין יענע יאָהרען פאַר'ן יונגען בית-המדרש'ניק זיך דערהויבען צו דער הויך פון נביאים, פון הייליגע קעמ-פער און וועלט-דערלייזער.

און פונדעסטוועגען האָב איך מיך גע-לאָזט פערטשאַדען מיט דעם דאָזיגען גוט-גוטען טשאַד. איך האָב פשוט מורא געהאַט, אַז אָהן דעם, בלויז מיט דער האַרבער טרוקענער גמרא, וועל איך נאָר בלייבען איינזאַם-פערלירען אויף מיין טרויעריגען יונגען וועג, וואָס האָט זיך געצויגען פאַר מיר אַזוי אומבעשטימט און אַזוי ווייט... האָב איך געלייענט אַ ראָמאַן נאָך אַ ראָמאַן, אַריבערגעגאַנגען פון שמר'ן צו די אַמעריקאַנער שונד-ראָמאַנען, פערקראָכען אַרום פּסח-צייט צו עמיצן אַ „מענשען-פרעסער" און עט-ליכע און צוואַנציג מאָל, וועלכע איך האָב געפונען אין דער „בובליאָטעקע". פערשטעהט זיך צוויי מאָל אַ טאָג — און דערמיט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אומצופרידענקייט ביי מיין אַלטען בוב-ליאָטעקער.

— דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָ-גען? — מאַכט ער צו מיר איינמאָל אַ פאַרנאַכט, ווען איך בין צו אוהם גע-קומען בייטען דאָס בוך צום צווייטען מאָל — עס הויבט מיר נישט אָן צו גע-פעלען. וואָס אַזאַ יונגערמאַן, ווי דו, האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַזעלכע נאַ-רישע דרכים!... וואָס וועסטו דערלעבען פון דעם „מענשען-פרעסער"? דו וועסט זיך נאָר קאַליע מאַכען דעם מאָגען אויף אייביג!...

— וואָס זשע זאָל איך אַנדערש לייענ-נען? — פרעגט אוהם דער מיט-געפאַ-לענער „יונגערמאַן" כמעט מיט טרעה-רען. — אַז קיין בעסערע ביכער האָט איהר דאָך נישט פאַר מיר!

— שאַ, — זאָגט ער — דו ווייסט נאָר וואָס? אויב דו וועסט קיינעם נישט דערצעהלען, וועל איך דיר פרובען געבען עפּעס אַ זאַך, פון וואָס דו וועסט זיך מחיה זיין...

און ער פיהרט מיך אַריין ווייטער אין זיין אָפּגעזונדערטען שלאָף-שטיבעל, אין זיין שטילער מיסטעריעזער שאַף-קאַמער, פון וועלכער איך בין פאַר דער לעצטער צייט אַזוי אָפּגעפרעמדט געוואָרען. נעמט אַרויס פון אונטער דער קאַפּאָטע דאָס בינטעל שליסלען, בויגט זיך איין מיט דער גרויער באָרד גאַנץ נידריג צום אונטערשטען טייל פון דעם העברעאישען אַלמער און עפענט דאָרט אויף אַ בעהאַל-טען שופלאָדעל, פון וואַנען עס גוט אַ שיין פאַר מיינע אויגען אַ רייכע שורה ביכער אין גוטע און שטאַרקע איינבינ-דען.

— אָט די ספרים, וואָס דו זעהסט — זאָגט ער צו מיר מיט אַ הייסען גלאַנץ אין די טונקעלע ברילען — זענען גע-קליבענע אַנטיקלעך. איך גיב זיי קיינעם נישט אַרויס. איך האָב זיי בעהאַלטען פאַר מיינע קינדער אַ ירושה... נאָר פאַר דיר וועל איך מאַכען אַן'אויסנאַהם, ווייל איך זעה, אַז דו געהסט געבען אויס. זאָלסט דאָס אָבער היטען, ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פונ'ם אויג — אַ שטויבעלע זאָל אויף דעם נישט פאַלען!... אָט דאָס אָ — זעהסטו? — איז סמאָלענסקין'ס אַלע „השחר"ס". דו וועסט זיי איצט נים קריגען צו קויפען אַפילו פאַר טויזענד קאַרבען, סיידען ביי אַן'אַנטיקוואַר... און אָט דאָס-אָ, וואָס איך וועל דיר געבען צום לייענען, איז אויך אַ יקר המציאות... נאָר מיט איין תנאי גיב איך דאָס דיר — דו הערסט? דו זאָלסט דאָס, למען השם נישט איינשלינגען מיט איין מאָל — עס איז דיר נישט דער „מענשען-פרעסער"!.. דו זאָלסט דאָס זופּען פּאַוואָליניקע און זיך צוהערען צו יעדען זופּ, וואָרום ס'איז גאָלד מיט זילבער... ס'איז מאַקע זשאַר-גאָן, אָבער גאָר אַן'אַנדער מין זשאַר-גאָן!... דו וועסט דאָ געפינען פון פויגל-מילך און וועסט מיך אייביג געדענ-קען!..

איך האָב געעפענט מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם דאָס אַנטיקעל, וואָס דער אַלמער האָט מיר איבערגעגעבען מיט אַזאַ פייערליכער הקדמה, — ס'איז געווען דער ערשטער באַנד פון שלום עליכמ'ס יאָהרבוך: „די יודישע פאָלקס-בובליאָטעק".

—oOo—

די געשיכטע פון בערד

(ענדע פון זייט 8)

פלעכטען גאָלדענע און זילבערנע סטענ-געס אין זייערע לאַנגע בערד.

אין יאָהר 1476 איז אין פאַריז ער-שיגען ביי אַ לויה דער גרעסטער געגנע-ראַל פון פראַנקרייך, פרינץ פון לאָרין, ער איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצע טרויער-קליידער, נאָר פון זיין מאָרדע האָט אַרונטערגעהאָנגען אַ לאַנגע בלאָנ-דע גאָלדענע באָרד ביז צום גאַרטעל.

אין יענער צייט האָבען מענשען מיט בערד געמוזט אַליין זיך „פלעגען" די בערד, ווייל דעמאָלט זענען נאָך נישט געווען קיין מייסטער-פריזערס, ווי היינט, וואָס האָבען געמאַכט אַ ספּעציעלע קונסט פון צופּיצען בערד, לויט פראַנצויזישען סטיל.

אין אַלטען עגיפּטען, וואו די מאָדע איז געווען צו טראָגען גלאַטע מאָר-דעס, איז דאָס פערלאָזען זיך אַ באָרד גע-ווען אַ צייכען פון טרויער נאָך אַ טויטען. ביי וועמען אַ באָרד האָט נישט געקענט וואַקסען, דער איז אין צייט פון טרויער אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַלשער צוגע-קלעפּטער באָרד.

ד"ר י. רעגנאַי, האָט אין זיין בוך „די קונסט צו ראַטעווען די האָר", וואָס איז אין לאָנדאָן אין 1826, דערמאָנט עטלי-כע אינטערעסאַנטע פאַקטען וועגען דעם כח, וואָס ליגט אין דער באָרד.

אַ לאַנגע שטאַרקע, טונקעלע באָרד, שרייבט ער, איז אַ סימן פון קראַפט און גבורה. דאָס זעהט מען אַמבעסטען ביי די ווילדע חיות, וואו די שטאַרקסטע ער-חיה האָט די גרעסטע טשופּרינגע אַרום קאָפּ. ער האַלט, אַז מענשען, וואָס ראַזירען זיך די בערד, פערלירען צוזאַ-מען מיט דער באָרד אויך אַ טייל פון זייער קראַפט. ער ווייזט אָן אויף די ריי-זיג-שטאַרקע מענשען פון די אַלטע צייט-טען, וועלכע האָבען געטראָגען לאַנגע בערד, בעזונדערס אויף דעם גערמאַנישען שבט, וועלכען מען האָט גע-רופען „לאַנגבאַרדען", צוליב דעם, וואָס אַלע מענער דאָרט האָבען געטראָגען לאַנגע בערד. אַלע ווייסען, אַז [illegible] האָבען נישט קיין בערד, און דאָס, זאָגט ד"ר רעגנאַי, איז אַ קלאָרער בעווייז, אַז די באָרד האָט אַ נאַטירליכע שייכות צו דער מענערישער קראַפט און אַז דער קערפּער פערלירט די מענערישע קראַפט, פערלירט ער אויך די קראַפט צו לאָזען וואַקסען אַ באָרד אויפ'ן פנים.

ד"ר רעגנאַי האַלט, אַז דער מענשלי-כער געשמאַק איז דעגענערירט געוואָרען און דערפאַר האָבען מענשען געוואָרפען אַן'אומגליק אויף בערד, וועלכע זענען אין דער אמת אַ צירונג פאַר אַ מאַן און זיי געבען אוהם צו שיינקייט, ווירדיגקייט און מענשליכע קראַפט. אַ פּאַווע אָהן אַ פּראַכטפולען עק, אַ הירש אָהן זיי-נע הערנער, אַ לייב אָהן זיין טשופּרינגע קוקט אויס אַבּיסעל אָפּשטויסענדיג און אומזעריג. טאָ פאַרוואָס, פרעגט ער, זאָל ביי אונז דעם זעלבען געפיהל נישט אַרויסרופען אַ מאַן אָהן אַ באָרד? די דאָזיגע פראַגע שטעלט ד"ר רעגנאַי בעזונדערס צו די מיידלעך און פרויען, וועלכע האָבען געוואָרפען אַזאַ בייזען האַס אויף אַלע בעבאָרדעטע מענער.

די אמת איז אָבער, אַז בערד, ווי שיין זיי זאָלען נישט זיין אין די אויגען פון מאַנכע באָרד-פערעהרער, טראָגען אין זיך אַ סך געפאַהרען. ערשטענס, ווי שוין אויבען געזאָגט, די געפאַהר פון אָנ-כאַפּען ביי דער באָרד אין צייט פון אַ גע-שלעג; צווייטענס, די געפאַהר פון פייער. עס האָט שוין אַ סך מאָל פּאַסירט, אַז מענשען זענען פערברענט געוואָרען, ווייל די באָרד האָט זיך ביי זיי אָנגעצונדען פון אַ ליכט, פון אַ שוועבעלע, אָדער פון אַ ציגאַרעטעל. דריטענס — די געפאַהר פון אומריינקייט, פון אַרומטראָגען זיך אין באָרד מיט אַ סטאַ-דע פון די בעקאַנטע „חיהלעך", וועלכע, אַ חוץ זייער שמוציגקייט, האָבען נאָך אַ טבע צו פערשפּרייטען קראַנקהייטען און מגפות.

דערפאַר מאַכען מאַקע דאָקטוירים און שפּיטאָלען נישט טראָגען קיין בערד, ווייל עס איז געפעהרליך, ווייל עס קען ווערען אַ געסט פאַר באַצילען, און דער-פאַר האָט דער רוסישער צאַר פּיאָטר ווע-ליקי אַרויסגעלייגט אַ טאַקסע פון 110 רובל אויף יעדער באָרד, וואָס זיינע אונטערטאַנען האָבען נישט געוואָלט אָפּ-גאָלען. אמת, אַזאַ שטייער האָט ער אַרויסגעלייגט בלויז אויף די רייכע שטאָט-מענשען. אָרימע מענשען האָ-בען געצאָהלט בלויז איין קאָפּיקע פאַר דער פרייוויליגע צו טראָגען אַ באָרד. די מיזשיקעס און די גלחים האָט ער אינגאַנצען נישט געשטעפּט, ווייל ער האָט פאַר זיי מורא געהאַט.

אגב, די בערימטעסטע צוויי בערד פון רוסלאַנד זענען טאָלסטאָי'ס און ראַספּו-טינ'ס. אָבער זייער בערימטהייט איז צוליב אַ גאַנץ פערשידענער אורזאַך. און אַז מען דערמאָנט זיי צוזאַמען, זאָגט מען געוועהנליך להבדיל....

וועלט-בערימט איז די באָרד געוואָרען דורך צוויי פראַנצויזען: גראַף זשולעס דע רעז, וועלכער האָט געלעבט אין 15-טען יאָהרהונדערט, און מאַטיע לאַנדרו, וואָס האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק פערלוירען זיין קאָפּ אויף דער גילאָטינע אין פאַריז.

ביידען האָט מען גערופען „בלויע בערד", ווייל ביידע האָבען געהאַט שוואַר-צע לאַנגע בערד פון אַ בלוי-שוואַרצליכער קאָליר. ביידע האָבען מיט זייערע לאַנגע וואַזשנע בערד אַריינגענאַרט אין זייער טייוולישער נעץ פרויען, מיידלעך און יונגע קינדער און זיי ערמאָרדעט אויף אַ שרעקליכען אופן. דער ערשטער „בלוי-באָרד" פלעגט מאָרדען פרויען און קינ-דער, כדי צו באָדען זיך אין זייער בלוט, און דער צווייטער, לאַנדרו, האָט ערמאָר-דעט אַ פאַר צענדליג פרויען, כדי צו קריגען זייער פערמעגען.

דער חאַמאַל פון באַגדאַד

(ענדע פון זייט 6)

ביי. פילאָלאָגיע איז זעהר אַ שטרענגע דיסציפּלין — כמעט ווי מאַטעמאַטיק. זי לאָזט נישט צו קיין פאַנטאַזיעס און קיין פויך-סברות.

* * *

מען גראָבט און און — מען גראָבט און באַגאַזקע — דער גאַנצער מזרח ווערט דורכגעאַקערט און דורכגעגראָבען — און געלערנטע פון דער גאַנצער וועלט קלייבען שערבעלע נאָך שערבעלע, ציגעל נאָך ציגעל, שטעלען צונויף אותיות, בעלעבען די טויטע, שפּיצינגע, און לייענען איינגעקריצטע ציינכנס — און אַל-אמאַל, טרעטען אַרויף אויף דער וועלט-סצענע — און דערצעהלען אונז פון זייער לעבען.

און צווישען דעם חאַמאַל פון באַג-דאַד און דעם קעניג כאַזאַי פון לולומי, דעם שונא פון אשור — ציהט זיך אַ פאָדים געוועבט פון טויזענדער יאָהרען נאָכאַנאַנד. דער חאַמאַל האָט געפונען זיין מקור, פאַר אוהם זיכער אַ קליינע נפקא-מינה. די משא אויף זיינע פּלייצעס וועט געווים נישט ווערען גרינגער דערפון. און מיט אַ פיר-טויזענד-יעהריגען זיידען איז ער פונקט אַזאַ מיוחס, ווי אָהן אַ זיידען בכלל. אָבער פּראָפע-סאָרען און פילאָלאָגען און אין פּראַג, און פּאַריז און אין אָקספאָרד לייגען אַוועק זייערע כחות, כדי אויסצוגעפינען דעם יחוס פון דעם חאַמאַל פון באַגדאַד און פון דעם ווילדען קורד און קורדים טאַן. אַזוי איז שוין די טבע פון דעם מענשען: מיר מוזען זוכען וואָרצלען און אָנהויבען. מיר מוזען וויסען — די ערד-גונג פון ציטען און זאַכען און מענשען — און ווי עס איז געווען און געוואָרען, און פאַרוואָס. און ווייל דער פאַרוואָס איז פער'חתמ'עט — וואַרפען מיר זיך ווי הונגעריגע אויף דעם „ווי אַזוי". און אין דער סוד פון דער וועלט פאַר אונז אַ סוד — ווילען מיר, מיהען מיר זיך, צו עפענען וועניגסטענס — דעם סדר פון די דורות.

סוחרים וועלכע ווילען

פיהרען האַנדעלס-ביכער, קענען זיך ווענ-דען צו מיר! ווייל די ביכער וועלכע איך פיהר ביי איינינע לאָדזער פירמעס, ווערען שטענדיג אָנערקענט פון סקאַרב, און די פירמעס צאָהלען פּאַדאַטקעס נאָר לויט די ביכער. מען קען נאָך יעצט איינפיהרען האַנדעלס-ביכער פאַר'ן יאָהר 1931. ביטע זיך צו ווענדען צו מיר!

ג. גרינבוים, קאָנסטאַנטינער 46.
לינקע אָפיצינע, 1 שטאָק.

וויכטיג פאַר דאַמען!

מאַכט איך די עלעגאַנטסטע דאַמען-היטע נאָך דער לעצטער פאַריזער מאָדע און די עלעגאַנטסטע היטע איבעראַר-בייטע איך אויף געגנצליך ניי. נאָר פאַר 2.50 זל.

געדענקט דעם אַדרעס: 23 זאַוואַדזקאַ 23

אין הויף, 2-טען איינגאַנג, לינקס פּאַרטער.

בעמ.: נייע היטען די לעצטע נייהייטען אין פיינער אויס-פערטיגונג — 50 פּראָצ. ביליגער ווי איבעראַל

„TOLA"

דאַמען-[illegible]

פון אַלטע פילץ-היט אָהן אונטערשיד מענער אָדער דאַמען-היט, מאַך איך די שענסטע פאַ-סאָנס סאַמעטעס אין פיינסטער אויס-פיהרונג צו ספּאָט ביליגע פרייזען.

ס'איז ערעפענט געוואָרען

אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פּעטריקאַווער 90 טעל. 221-72

נעמט אָן שטענדיגע אויגען-קראַנקע (צוועקס אָפּעראַציע א.א.וו.) ווי אויך אַמבולאַטאָרישע פון 9—1 און פון 4—7.30 אָוונט.

Dr. med. IGNACY MARGOLIS

אויגען-אַרצט

האָט זיך איבערגעצויגען אויף

אַל. קאָשטשושקי 9 — טעל. 165-61

נעמט אָן פון 1—2 און 5—7

Słuchawki, detektory, głośniki, aparaty odbiorcze

oraz części radjo-elektrotechniczne poleca

Inż. Juljusz Hamer

6-go Sierpnia 1, telefon 188-58

Uwaga: ładowanie akumulatorów.

טוך- און קאָרט-לאַגער

Sz Maroko, Łódź

נאָוואָמיעסקאַ 2 פראָנט 1 שטאָק טעל. 15948.

עמפּפעהלט צום פריהלינג און זומער-סעזאָן אַ גרויסען אויס-וואַהל פון די נייעסטע און בעסטע דאַמען און מענער שטאָפען

פּוילישע שפּראַך

ווערט געלערנט גרינדליך דורך אַ קורצער צייט

וסכאָדניאַ 29, וו. 3.

וויכטיג פאַר די, וואָס געלד איז ביי זיי טייער!

איך קויף מעבעל, דיוואַנעס, שרייב מאַשינען, אַנציגער און פערשידענע געגנשטענדען. כ'צאָהל די בעסטע פרייזען שענקעוויטשאַ 23 אין מעבעל-געשעפט.

א. ווייצמאַן

בעמ.: ביי מיר איז שטענדיג אויף לאַגער שעהנע מאָדערנע מעבעל ביליג.

ביליג צו פערדינגען

צוויי צימער און קוך

צו ערפאַהרען ביי

שידלאָווער, קילינסקיעגאָ 153

עטליכע רענדער-מאַשינען

צו קויפען געזוכט. אָפערטען אָבצוגעבען אין אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזער טאָגעבלאַט" אונטער „A. B. 33".

קונסט-ליטער. טעאַטער

„Dobry Wieczór"

אין אייגענעם נייעם לאָקאַל אויף קאָפּערניקאַ 16, טעלעפ. 184-66.

צופאָהר מיט די טראַמוואַיען: 5, 6, 8, 9 און 16.

היינט פייערליכע פּרעמיערע! היינט פייערליכע פּרעמיערע!

„דורכ'ן שליסעל-לאָך"

אָנהויב פון די פאָרשטעלונגען 8 און 10 אָוו. פאָרפאַרקויף-קאַסע „רעקלאַמאַ-פּאָלסקאַ", פּיעטריקאָווער 101, טעל. 126-89 פון 11—6, שבת, זונטאָג און חגאות פון 1—3

מעבעל

דעם גרעסטען און עלעגאַנטסטען אויסוואַהל פון

שלאָף צימער, עס-צימער, קינדער צימער א.א.ז.וו. קאָמפּלעטע איינריכטונגען, ווי אויך איינצעלנע שטיק מעבעל

אַמביליגסטען און אויף די בעסטע בעדינגונגען עמפּפעהלט די גרעסטע און רעעלסטע מעבעל פירמע אין לאָדז

MARKOWICZ i NASIELSKI, PIOTRKOWSKA 6

tel. 149-71 POŁUDNIOWA 10 :פאַבריק

מעבעל

קלאַנג - פילם

Grand-Kino

אָנהויב פון די סעאַנסען 4 נ"מ, שבת, זונטאָג און חגאות 12 אַ זייגער מיטאָג. לעצטער סעאַנס 10.15 אַ זייגער אָוו.

היינט און וויטערדיגע טעג!

„דער זינגער פון די בערג"

ליבעס-פּאָעמע, דראַמע פונ'ם רוסישען לעבען

אין דער הויפּט-ראָלע

Lawrence Tibett

דער מעכטיגסטער באַריטאָן פון דער וועלט. דער שטערן פון דער „מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע אין ניו-יאָרק. שעהנע מוזיק פון Franciszek Lehar די פּרייזען פון די פּלעצער נאָרמאַלע, אויף די פּריהמאָרגענס ערמעסיגט. פּאַספּאַרטו און פריי בילעטען אין משך פון 7 טעג, אַ חוץ אַמטליכע (רויטע קאַלירן) אונגילטיג. פּרייזען אויף די פּרימאָרגענס 75 גר. און 1 זלאָטי

LUNA

אָנהויב פון סעאַנסען 4 נמ. שבת און זונטאָג 12 מיט. פּרייז אויפ'ן 1. סעאַנס 1 זל. שבת און זונטאָג פון 12—2 75 גר. און 1 זלאָטי

היינט און ווייטערע טעג

שעהנסטער פילם אין דער וועלט. רעוואָלוציע אויפ'ן געביט פון קלאַנג-פילם

„דער דזשעז-קעניג"

דער שעפער פון דזשעז מיט זיין 60 פּערזאָניגען אַנסאַמבל. אין דער סביבה פון John Boles, Jeanett Loss, Laura La Planta, Sisterns G. Tom Atkinst פון פּיקסטעס Merna Kenneda, און Georg Sindey

Paweł Whiterman

דער שגעון פון שעהנהייט און טאַנץ. אַ פילם, וואָס פּערפעקציאָנירט די עקוויליבריסטיק פון מעלאָדיעס, עמפּקטען און איינפאַלען. אין דער הויפּט-ראָלע:

KINO-TEATR

SPÓŁDZIELNI

Sienkiewicza 40.

אָנהויב פון די סעאַנסן 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג שבת, זונטאָג און חגאות 2 נאָכמ. לעצטער סעאַנס 10 אָוו. אויפ'ן ערשטען סעאַנס זענען די פּרייזען פון אַלע פּלעצער צו 60 גראָשען.

היינט און ווייטערע טעג!!

ריהרענדע און מיטרייסענדע דראַמע פון אונבעוואוסטזיניגע יוגענדליכע גליבטע — א.נ.

„פערבאָטענע פרוכט"

— אין די — הויפּט-ראָלן:

Albertini Tamara i Roland Varno

דער נאָהענטסטער פּראָגראַם: 1) „לויט דעם בוכשטאַב פון געזעץ" מיט Madge Belamy (2 „טעה פאַר דריי" מיט Alice Bringle

קינא-טעאַטער

„Przedwiośnie"

Żeromskiego 74/76

היינט און טעגליך! אימפּאָנירענדע עפּאָס און פערלאָנגען פון אַנ'איינזאַמליכער מענשליכער נשמה, וועלכער ערהויבט זיך פונ'ם תהום פון געפאַלענקייט צו ליבע און ליכט אינם פילם א.נ.

„די גאַס פון די פערשטויסענע נשמות"

אין דער הויפּט-ראָל —אונזער בירגערין—

POLA NEGRI

סימפאָנישע מוזיק אונטער דער לייטונג פון א. טשודנאָווסקי. אָנהויב פון די סעאַנסען אין וואָכען-טעג 4 נאָכמ. זונטאָג און חגאות 2 נאָכמ. לעצטער סעאַנס 10 אָוו. פּרייזען פון די פּלעצער: 1-טע—1.25 2-טע 90 גר. 3-טע 60 גר. צופאָהר מיט טראַמווייען 5, 6, 8, 9, 16. הנחה-בילעטען שבת, זונטאָג און חגאות אונגילטיג. דער נאָהנטסטער פּראָגראַם דער ווייסער שטן אין די הויפּטראָל איוואַן מאָזשוכין. שבת ד. 14 פעבר. 12 זונטאָג 15. 11 פרמ. פרימאָרגען פאַר קינדער און יוגענד. פּרייזען פאַר קינדער 20 גר. פאַר דערוואַקסענע 50 גר.

Szoła i Freblówka

בית-ספר וגן ילדים פון

A. GAJST Kamienna — 2 —

טעלעפאָן 133-44

אין II. שול-יאָהר—איינשרייבונגען טעגליך.

בוכהאַלטעריע

איינפאַכע און דאָפּעלטע (איטאַליענישע און אַמעריקאַנישע)

אויף מאַשין-שרייבען און רעכענען לערן איך אויס גרינדליך פאַר 30 זל. בלויז מאַשין-שרייבען 10 זל. קילינסקיעגאָ 50 (פריהער צעגעלניאַנאַ 55) קווער אָפיצינע 1-טער שטאָק. מיר ערטיילען אויך קאָרעספּאָנדענץ, האַנדעלס אַריטמעטיק און סטענאָגראַפיע.

הלא חכמה תקרא ותבונה תתן קולה

אם תקח אמרי ומצותי תצפן אתך, אז תשכן בטח ושאנן, כי הלך בתום ילך בטח ומעקש דרכיו יודע

איבער דעם זאָלסטו גאָר קומען אין ביוראָ

פון **ד. מאַנעלאַ**

וואָס איז איבערגעטראָגען געוואָרען פון צווייטען הויף אויפ'ן ערשטען הויף פּיעטריקאָווער 17, לינקע אָפיציגע פאַרטער, טעל. 124-95

וואו עס ווערט פּינקטליך ערלעדיגט, געוויסענהאַפט געשריבען אלערליי ביטעס: צעטלען, קאָרנע, האַנדלאָווע, אַפּעלאַציעס, אדוואָקאַניעס, קלאָווזולעס זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען, הצגען דירות אין אוריזשאָנד ראָזימעטשי. ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. בעמ.: קלאָווזולעס און זאַבעזפּיעטשעניעס ווערען ביי מיר ערלעדיגט אין משך פון 24 שעה.

מיט אַכטונג **ד. מאַנעלאַ,** פּיעטריקאָווער 17, 1-טער הויף

!

אליכם אישים אקרא וקולי אל בני אדם בצדק כל אמרי פי ואין בהם נפתל ועקש

אויב איהר ווילט ערלעדיגען אייערע אָנגעוועהטאָגטע ענינים זאָלסטו קומען צו לויפען אין דעם ביוראָ

פּעטריקאָווער 17

2-טער הויף פּאַרטער

דורכגאַנג זאַכאָדניאַ 52, טעל. 148-79, וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געשריבען אַלערליי ביטעס, קלויזולעס און זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען איז משך פון 24 שעה. אַפּעלאַציעס, אַפּאָזיציעס, אַדוואָלאַניעס, רעקורסען וועגען פּעסער, וויזעס אין קאָמיסאַריאַט-זשאַנדו, וועקסעל-אינקאַסאָ אויף גאַנץ פּוילען און גאַליציע. יעדען פּינקטליך און געוויסענהאַפט ערלעדיגט צו די בילליגסטע פּרייזן. שותפות-אַקטען, סטאַטוטען, איבערזעצונגען אינטערצעסיעס, אַקטען, דאַראַוויזנעס אַלערליי ספּראַוועס ווערען אָנגענומען אַדורכצופיהרען, עווענטועל מיט אַנ' דוואָקאַט.

די איינציגע סאָכטער פון **ישראל מאַנעלאַ**

2-טער הויף פּאַרטער, דורכגאַנג זאַכאָדניאַ 52, טעל. 148-79.

בעמ.: דאָס ניי - „געבאַקענע" מאַנעלאַ-ביוראָ אויפ'ן ערשטען הויף האָט נישט קיין שום שייכות מיט'ן לאַנג-עקזיסטירענדען ביוראָ, וואָס געפינט זיך

אין צווייטען הויף פּאַרטער

טעלעפאָן 148-79

מעהרערע ווינטער-וואוינונגען

ערשטקל. מעבלירט אין ווישניאָווע-גורא אין וואַלד, אין יאַקובאָוויטש'ס ווילע, ווי אויך אַנ'ערשטקל. מעבלירטע פּראַנט-שטוב אין לאָדז פון זאָפאָרט איבערצוגעבען. צו ערפאָהרען ביי א. יאַקובאָוויטש, לאָדז, פּיעטריקאָווער № 17

Danziger Kaufmann

bei grossen hiesigen Firmen gut eingeführt sucht noch einige gute

VERTRETUNGEN

Offerten an die geschäftsstelle dieses Blattes

א בשורה טובה

פאַר עלטערן, וואָס זייערע קינדער לערנען אין פּאָווּשעכנא שולען.

די לייטונג פון בעוואוסטען אָרטאָדאָקסישען נאָכמיטאָג-חדר פאַר קינדער, וואָס לערנען אין פּאָווּשעכנע שולען, מאַכט בעקאַנט דאָס נאָך אַ גרינדליכען רעמאָנט ווערט דאָס חדר פולשטענדיג רעאָרגאַניזירט און פערפולקאָמט אויף אַלע געביטען פון למודי קודש ס'ווערט געלערנט דורך מלמדים ספּעציאַליסטען עברי, חומש, רש"י, תנ"ך משניות, גמרא אַ פערגרעסערטער קורס פאַר העבּרעאיש (רעדען און שרייבען) אויך יודישע בריף זעלבסט צוזאַמענשטעלן. צוליב'ן קריזיס הנחה-פּרייז

פּלאַץ וואָלנאָשטשי (נייע שטאָט) 6

קווער אָפיצינע, איינשרייבען קען מען זיך טעגליך פון 2 ביז 7 אָוונד.

מעכאַנישע שלאָסעריי און וויסעריי

J. Reder, Łódź

Konstantynowska 11 (róg Zachodniej)

כ'נעם אָן פערשידענע שלאָסעריי-אַרבייט און אויטאָגענישע שווייסונגען אונטער גאַראַנטיע.

פּריוואַט-וואוינונג גדאַנסקאַ 20. וו. 17.

לעזט און אַבאָנירט

לאָדזשער טאָגעבלאַט

קינא

ZACHĘTA

זגיערזשער-גאַס 26.

היינט און ווייטערדיגע טעג!

דאָפּעלטער פּראָגראַם. :::::::::: דאָפּעלטער פּראָגראַם.

1. בילד.

עראָטישע דראַמע לויט ערצעהלונג פון פ. טעטמאַיער א. נ.

דער ראָמאַן פון פרל. אַפּאָלסקאַ

אין די הויפּטראָלען: Bożewska Helena, Hrydziński און Władysław Walter

2. בילד. דער קעניג פון הומאָר MONTY BANKS

אין וואַהנזיניגען געיעג **אויפ'ן פייערדיגען שלאַנג**

נאָך אַ שעהנע מיליאַרדערין, וואָס שפּילט Virginia Lee אין סענסאַציאָנעלען פילם, וואָס איז פול מיט Corbin עמאָציעס און הומאָר, סצענעס פון קאַמפען, וואָס שפּילען זיך אָפּ אויפ'ן דאַך פון אַ לויפענדען צוג.

אויסגעצייכנעט. אָרקעסטער אונטער לייטונג פון י. סטעפּאַנסקי אָנפאַנג פון די סעאַנסען אין די וואָכען טעג 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג. – שבת, זונטאָג, און חגאות 12 אַ זייגער פאַרמיטאָג. פּרייזען ערמעסיגט. דער זאַל איז גוט געהייצט.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

זאַוואַדזקאַ 1.

נאָר פאַר וועגערישע הויט-קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערוועז-קראַנקהייטען.

קוואַרץ לאַמפּ-עלעקטרישע הייל-קאַבינעט-קאָסמעטיק

טעגליך פון 8 אַ זייגער פריה ביז 9 אָוונט

זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג

באַזונדער וואַרטע צימער פאַר פרויען

וויזיט 3 זלאָטי

Redaktor-wydawca S. [illegible]

Tłocznia: B. i M. [illegible] w Łodzi, Piotrkowska [illegible]